# ש. אנ-סקי

# געזאמעלטע שריפטן



№ 87.
Y.

ש. אן–סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## עלפטער באַנד

פערלאַג „אן־סקי“

ווילנאָ־וואַרשע־ניו־יאָרק תרפ״ח — 1928

אויסגעפיהרט דורכ׳ן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף—געזעלשאַפט „צ ע נ ט ר אַ ל“ וואַרשא

Printed in Poland.

# SZ. AŃ—SKI.

Tom jedenasty

# WSPOMNIENIA

Warszawa, 192[illegible]

Wydawnictwo „AN—SKI“ Wilno—Warszawa—Nowy-Jork.

---

# SH. AN—SKY

Volume eleventh

# MEMOIRS

Warsaw, 192[illegible]

Publishing Company „AN-SKY“ Vilno-Warsaw-New-York

B
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:6990
23497

Druk. I. Hendlera Warszawa, Długa 26. Tel. 260-19.

ש. אַנ–סקי.

# זכרונות

## צווייטער טייל

(פֿון דער רוסישער רעוו. בעוועגונג)

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעניש פֿון אויטאָרס צואה-פערװאַלטער
איז שטרענג פֿערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פֿון יוסף זיידענבייטעל.

צינקאָקלישען אויסגעפֿיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאַץ האָט אויסגעפֿיהרט פֿייגע שריפֿטגיסער.

געדרוקט ביי י. הענדלער ווארשא, דלוגע 26.

# הינטער א שטומער וואַנט

# א

...דער ענגער חדר׳ל פון מיין תּפיסה איז טויט און שטום, ווי ער וואָלט זיך געפונען איי געזונקען טיף אין אָפּ-גרונד פון ים. די ווענד—ווי אויסגעהאַקט אין אַנ׳אונענדליכען פעלז; די טהיר—אָהן אַנ׳אינעווייניגסטען ריגעל—ווי פון אייזען געגאָסען, ווי צוגעשמידט אויף אייביג צו די ווענד. די שוואַר-צע אייזערנע גראַטקעס אויפ׳ן קליינעם פערפראָרענעם פענס-טערל—ווי אַ סימבאָל פון אָפּגעשניטענקייט פון דער וועלט. אַלץ איז אונבעוועגט. און עס דוכט זיך, אַז דאָ האָט אפילו די צייט אַליין אָפּגעשטעלט זיך, ווי אַ נישט אָנגעצויגענער זייגער... עס צאַנקט אַ געלער, קראַנקער, דעריגער שיין פון אַ קליינעם לעמ-פּעל און ראַנגעלט זיך אָהן כח מיט דער שטילקייט, מיט די שאָטענס, וואָס האָבען זיך ווי אַלטע בעלי-בתּים פון לאַנג-לאַנג בעזעצט אין די ווינקלען און צונויפגעגאָסען זיך מיט דעם אָנ-געוואַקסענעם שוואַרצען און נאַסען שימעל פון די ווענד.

איך ליג אויף מיין בעטעל און שלאָף מיט אָפענע אויגען. איך זעה נישט, איך הער נישט; איך שלאָף אָהן אַ שלאָף, אָהן

הלומות. איך בין אונבעוועגט, ווי אַלץ אַרום מיר. מחשבות, בלייענע, נישט קלאָרע, אוננוצליכע, קריכען לאַנגזאַם אין זינען, שטעלען זיך אָב, קעהרען זיך אום צוריק... ווי שווערע איי-זערנע קוילען אויף אַ גלאַטען אַספאַלט, קייקלען זיי זיך אָהן גערויש, אָהן ווילען, אָהן אַ ציל. און געהען פערביי, ווי פרעמ-דע, ווי אונבעקאַנטע. זיי בעשאַפען נישט קיין שטימונג, וועקען נישט קיין פערלאַנג...

קיין שום צוזאַמענבונד מיט דער לעבעדיגער וועלט, קיין זכר פון אַנ׳אָבקלאַנג, פון אַ שוואַכען שטראַהל פון „דאָרטען". נאָר ערגעץ טיף אין זינען, פערוואָרפען און פערשימעלט, ליגט דער בעוואוסטזיין, אַז הינטער נאָך אַנדערע שווערע צוגעשמיד-טע טהירען, הינטער הויכע פעסטע וועגד, הינטער פערשטיינער-טע מענשען מיט ביקסען, וואָס וואַכען ביי די וועגד, געפינט זיך הימעל און ערד, מענשען און בעוועגונג, לופט און פריי-הייט...

ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון מיר!...

## ב

אין מיין שטומער איינזאַמקייט האָט זיך מיטאַמאָל אַריינ-געריסען אַנ׳אָבקלאַנג פון דרויסען, אַ שאַרפער, אַנ׳אונפערשטענד-ליכער...

אום האַלבע נאַכט, בעת די שטילקייט האָט זיך געדויכט פערגליווערט און אָהן גרענעצען,—האָבען זיך אָנגעהויבען מיטאַ-מאָל דערטראָגען צו מיר פון ערגעץ וואו מאָדנע קלאַנגען, טעמפע, קליינינקע, געאיילטע... אין אָנהויב האָב איך דייטליך דערהערט אַ פאַל פון אַ גאַנצען הויפען אונבעשטימטע קלאַנגען, ווי זיי וואָלטען פון ערגעץ אַראָבגעפאַלען און צושאָטען זיך. אין אַ רגע אַרום האָט ווי דורכגעטראָגען זיך לייכט אַנ׳איינזאַ-מער, האַלב-פרעגענדער קלאַנגעל, אַנ׳אונבעשטימטער און דער-

שראָקענער, ווי אַן׳איבערגעהאַקטער ביל פון אַ קליין הינטעל, דערנאָך האָבען די קלאַנגען אָנגעהויבען איבער׳חזר׳ן זיך ריט-מיש, ווי דער קלונג פון ווייטע גלעקלעך. דאָס זענען געווען מאָדנע קלאַנגען: געאיילטע און טעמפּע, קאַלטע און בלינדע, ווי פון בלייענע מטבעות.

איך האָב נישט געקאָנט בעגרייפען, וואָס בעדייטען זיי און פון וואַנען זיי קומען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי טראָ-גען זיך דורכ׳ן פענסטערל, פון ערגעץ ווייט-ווייט, און איך האָב זיי אין אָנהויב אָנגענומען פאַר אַן׳אָבקלאַנג פון קירך-גלאָקען, נאָכדעם—פאַר אַן׳אָנזאָג פון אַ שרפה.

ווי האָט עס זיי זיך איינגעגעבען אַריינצודרינגען אַהער, אין מיין תפיסה-צימער? איך האָב זיך צוגעהערט מיט אַ דורש-טיגער נייגעריגקייט צו די געסט פון דער פרייהייט, וואָס האָ-בען אויסגענאַרט אי מיינע וועכטער, אי די וואַנד, אי די בלינ-דע צוגעשמידטע טהיר. און דערפאַר אַליין האָבען די קלאַנגען מיר אויסגעוויזען פרעהליך און שטיפעריש, ווי אַ פערשטיקטער געלעכטער פון קונדסים איבער דעם איינגעשלאָפענעם, אַלטען און בייזען רבי, ווען מען האָט אָבגעטהון אַ שפּיצעל. אָנגע-שטרענגט האָב איך זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען און געוואָלט אַריינדרינגען אין זייער געהיימניס. מיר האָט זיך געדוכט, אַז, אָנקומענדיג אַהער, צו מיר, מיט אַזאַ געפאַהר, מוזען זיי ברענ-גען וויכטיגע נייעס... און עס האָט זיך געדוכט, אַז דערפאַר בלייבען די קלאַנגען פאַר מיר אונפערשטענדליך, ווי האַלב אָב-געמעקטע יעראָגליפען, ווייל זיי קומען פון אַן׳אַנדער וועלט, אַ ווייטער און אַ פרעמדער, וואָס איהר לשון האָב איך שוין לאַנג פערגעסען...

און מיט אַמאָל, צווישען דעם איילענדיגען געלויף פון די קלאַנגען, האָט מיין אָנגעשטרענגטער אויער אָנגעגריפען דעם אָבקלאַנג פון אַ טרוקענעם, אָבגעריסענעם הוסט... און אין איין אויגענבליק איז פערשוואונדען די גאַנצע אילוזיע. איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס, וואָס איך האָב אָנגענומען פאַר אַן׳אָבקלאַנג פון דער ווייטער פרייהייט, זענען נישט מעהר ווי

קלאַנגען פון אַרעסטאַנטען-קייטען, און זיי קומען נישט פון דער ווייטען, נאָר פון איבער צוויי טריט פון דאַנען: פון הינטער דער וואַנד. מען האָט, ווייזט אויס, אין צווייטען איינצעל-צימער געבראַכט אַ געשמידטען אין קייטען, און ער געהט דאָס איצט אַרום איבער זיין ענגען חדר׳ל.

מיט גאָר אַ נייעם געפיהל האָב איך גענומען צוהערען זיך צו די קייטען-טריט פון מיין שכן. טריט—גלייכע, זיכערע, שטאַרקע, ווייזט אויס, אַ מענש וואָס איז שוין געוועהנט צו קייטען... ווער איז ער? איך פרוב פערבינדען מיט איהם אַ געשפרעך: איך קלאַפ אויס אין וואַנד די פראַגע: „ווער זייט איהר?" אויף אַ ווײלע ווערען שטיל די טריט. דער שכן הערט זיך צו. נאָכדעם הויבען ווידער אָן די קייטען צו קלינגען. קיין ענטפער בעקום איך נישט. אויף מאָרגען האָב איך זיך דערוואוסט, ווער מיין שכן איז.

## ג

יעדען פריהמאָרגען, פונקט אַכט אַ זייגער, דערהערט זיך הינטער מיין טהיר אַ רעש, אַזאַ הילכיגע קלאַפעריי פון דעם אייזערנעם ריגעל, ווי אַ גאַנצע באַנדע שיכור׳ע גזלנים וואָלטען זיך רייסען צו מיר אין צימערל. די טהיר גיט זיך אַנ׳עפען, מיט אַמאָל, ברייט—און אָהן אַ „גוט מאָרגען" מיט הערשער-טריט, חוצפה׳דיג געהט אַריין, ווי צו זיך אין שטוב, דער וועכטער, לעגט אויפ׳ן טיש מיין פאָרציע ברויט, הויבט אויף צום באַלקען מיין בעטעל, קוקט שנעל אַרום דאָס צימער, כאַפט מיך אַרום מיט אַזאַ בליק, ווי ער וואָלט מיך אַרומגעזוכט פון קאָפ ביז די פיס, און רעדט אַרויס קאַלט און טעמפ אַ בעפעהל:

—שפאַציר ען!

מיין געוועהנלכען האַלב-שעה׳דיגען שפאַציר מאַך איך אין דעם שמאָלען הויפעל, וואָס איז צוגויפגעדריקט צווישען

צוויי הויכע בלינדע ווענד פון די תּפיסות. איך שפּאַציר אַרום, און מיין וועכטער זיצט אויפ׳ן בענקעל, ווי ער וואָלט נאָר וואַרטען, איך זאָל ענדיגען דעם שפּאַציר, אַז ער זאָל קאָנען זיך אויפהויבען און אַוועקגעהן.

צום הויפעל, וואו איך שפּאַציר, זענען צוגעשטעלט צוויי וועכטער, וועלכע בייטען זיך איבער אַ טאָג. ווי מען רופט זיי, ווייס איך נישט. איינער—אַ יונגער, אַ הויכער, אַ ברייטביינינגער, מיט אַ געזונדטען, זאַטען פּנים, אַ בריה׳שען האַלטען זיך פון אַן׳אויסגעמושטירטען סאָלדאַט. אויפ׳ן ערשטען בליק האָט ער זיך מיר אויסגעוויזען ווייך און צוגעלאָזען, און אין איינעם פון די ערשטע טעג, ווי מען האָט מיך געבראַכט, האָב איך מיך געווענדט צו איהם מיט אַ פראַגע, כאָטש איך האָב גוט געוואוסט, אַז איהם איז פערבאָטען צו ריידען מיט מיר אַ וואָרט. ער האָט זיך שנעל אַ קעהר געטהון צו מיר און, אָנשטאָט אַן׳ענטפער, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ חוצפּה׳דיגען בליק, אָהן אַ פונק נשמה, אַז זיינע אויגען האָבען אויסגעוויזען ווי צוויי שוואַרצע פּוסטע לעכער פון אָנגעשטעלטע רעוואָלווערען. דעמזעלבען אָוענד, בשעת דער פּאָווערקע*), אַז איך האָב נאָך פון הינטער׳ן טהיר דערהערט זיין צוויי-קלאַנגיגען אויסגעשריי: „סמיר!-נאָ!” ווי צוויי האַמער-קלעפּ; בשעת איך האָב נאָכדעם געזעהן, מיט וואָס פאַר אַ קאַלטער אכזריות ער האָט אַרומגעזוכט מיין צימערל און געפּרובט די גראַטקעס, צי זיי זענען נישט אונטערגעזעגט, האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַן׳אמת׳ער תּפיסה-וועכטער, אַזאַ שטיינערנער און קאַלטער, ווי די ווענד פון תּפיסה.

דער צווייטער וועכטער,—אַן׳עלטערער, אַן׳אויסגעדינטער סאָלדאַט, אַ שווערער אויפ׳ן קעהר, אַן׳אָנגערוקטער, מיט אַ קאַלט אכזריות׳דיגען פּנים. ער איז געווען איינגאַנצען ווי בע-וואַקסען מיט אַ קאָרע. זיין פּנים האָט געהאַט דעמזעלבען אויס-

---

*) רעוויזיע.

זעהן ווי די פעל פון זיין פעלץ. פערגרעבטע, טעמפע געזיכטס-שטריכען זענען, ווי אויף אַנ׳אוראַלטער סטאַטוע, געוועזן צו-שיילט, אויסגעגעסען דורך ווינד און צייט. אין די אַרויסגעקיי-קעלטע, אָבגעבלייכטע אויגען האָט זיך אויסגעדריקט אַ מידע גלייכגילטיגקייט פון אַנ׳אויסגעהאָרעוועטען פערד.

נאָכדעם, אַז מיר האָט זיך נישט איינגעגעבען אַרויסצורו־פען מיין ערשטען וועכטער אויף אַ געשפּרעך, האָב איך אַ לאַנ־גע צייט נישט געפּרובט זיך ריידען מיט דעם צווייטען. נאָר איין מאָל האָב איך כמעט אומגערן אַ פרעג געטהון:

—זענען דאָ אין תּפיסה אַ סך אוגאָלאָוונע?

דער וועכטער האָט גלייכגילטיג און מיד אַ בליק געטהון אויף מיר, שווייגענדיג אָבגעקעהרט זיך און אַ שטאַרקען גענעץ געטהון, ווי ער וואָלט וועלען בעווייזען, אַז מיין פראַגע האָט אפילו נישט געגרייכט צו איהם. נאָר אין אַ ווייל אַרום, אַז איך האָב שוין אויפגעהערט צו וואַרטען אויף אַנ׳ענטפער, האָט ער, קוקענדיג אין אַנדערן זייט, אַרויסגערעדט פאַר-זיך:

—אַ היבש ביסעל, אי אוגאָלאָוונע, אי אַנדערע... טייל זיצען אינאיינעם, טייל אין איינצעל-צימערן... ווי פאַר וועמען עס געהערט זיך...

מיך האָט פעראינטערעסירט דער אָריגינעלער מיטעל אי־בערצוטרעטען דעם שווייג-רעגלאַמענט: ער ענטפערט מיר נישט, ער רעדט נאָר פאַר זיך.

און איך האָב ווידער אַ פרעג געטהון:

—און פּאָליטישע זיצען בעזונדער?

ווידער אַ גלייכגילטיגער בליק, אַ לאַנגער גענעץ און אין אַ ווייל אַרום אַנ׳ענטפער אָן דער זייט:

—בעזונדער... פיר גרויסע חדרים איז מיט זיי אָנגעפּאַקט...

מעהר האָב איך זיך נישט געוואַגט מיט איהם דעמאָלט צו ריידען, נאָר שפּעטער האָב איך אָפט געפיהרט מיט איהם אויף דעם אופן געשפּרעכען.

דאָס מאָל, געפינענדיג ביים שפּאַציר דעם צווייטען וועכ-

טער, בין איך אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט און, קוקענדיג אין אַנ׳אַנדער זייט, האָב איך אַרויסגערעדט פאַר זיך:

—אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געהערט הינטער׳ן וואַנד דער קלאַנג פון פוס-קייטען. מען האָט עמיצען געמוזט אַריינזעצען אין דעם שכנות׳דיגען איינצעל-צימער...

דער וועכטער האָט געענטפערט מיט די געוועהנליכע תנועות:

—אַ מערדער... יע׳ער וואָס האָט אויסגעקוילעט אַ געזינד פון זעקס מענשען, מ׳האָט איהם שוין לאַנג געפּאַקט ערגעץ ווייט, נאָר אַהער האָט מען איהם ערשט נעכטען געבּראַכט...

בעת איך בין נאָך געווען אויף דער פרייהייט, האָב איך געהערט וועגען דער רציחה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר אכזריות. ביינאַכט האָט מען אויסגעקוילעט אַ גאַנץ געזינד, מיט אַנ׳אַכציג-יעהריגער זקנה און אַ זויג-קינד. נאָכדעם האָב איך געהערט (אָדער געלעזען), אַז מען האָט געכאַפּט דעם מערדער, אַז מען האָט איהם געשלאָגען מכות רצח. איך געדענק, אַז אין דער דראַמע האָבען מיך אינטערעסירט נאָר די גע׳הרג׳עטע און איך האָב כמעט נישט אַ טראַכט געטהון וועגען דעם מערדער, ווי וועגען אַ מענשען. איך געדענק, אַז אויף מיר האָט קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט דאָס, וואָס מען האָט איהם שטאַרק געשלאָגען. איצטער אָבער, אַז איך האָב אין אַ טיפער מיטען-נאַכט געהערט דעם ריטמישען קלאַנג פון זיינע קייטען, האָב איך מיטאַמאָל דערפיהלט אין איהם אַ מענשען און מיך האָט אָנגעהויבּען פערפאָלגען דער געדאַנק: וואָס פיהלט ער? וואָס פאַר אַ שרעקען רייסען איבער זיין שלאָף? וואָס פאַר אַ בלוטיגע דמיונות טראָגען זיך אום אין זיין זינען, אונטער דעם צוקלאַנג פון קאַלטען אייזען?...

ד

עס זענען פערביי אַ פּאָר וואָכען.

מען האָט מיך אַרויסגערופען אין קאָנטאָר פון דער תּפיסה וועגען אַ מיטטיילונג, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו מיין משפּט. אַז דער בעגלייטער האָט מיך געבראַכט צוריק אין תּפיסה-הויפעל, האָב איך דאָרטען געפונען צווי מענשען, חוץ דעם צווייטען, עלטערן וועכטער, וואָס איז געזעסען אין זיין געוועהנליכער פּאָזע אויפ׳ן בענקעל. אויף אַ לייטערל, צוגע-שטעלט צום לאַמטערן-סלופּ, אין מיטען הויפעל, איז געשטאַנען אַ לאָמפּענצינדער, אַ קליין, דאַר, בלאָנד מענשעל, מיט אַנ׳אָנגע-שטרענגטען, כּמעט דערשראָקענעם אויסדרוק פון געזיכט. דאָס מענשעל, ווייזט אויס, האָט זיך נאָך נישט צוגעוועהנט צו די סדרים פון דער תּפיסה און זיך געפיהלט נישט היימליך, ווי אין אַ פיינדליכער מחנה. ער איז אינגאַנצען געווען דורכגע-דרונגען מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז דאָ, אין דעם פערשלאָסע-נעם שטח, וואָס איז שטרענג אָבגעצוימט פון דער וועלט, האָ-בען רעכט צו פערבלייבען נאָר זיינע הענד, אָבער נישט זיינע געדאַנקען, נישט זיינע געפיהלען; אַז ער האָט רעכט צו זיין דאָ נאָר אַ שטרענג בעשטימטע צייט, כּל זמן ער אַרבייט. אָבער ער טאָר דאָ נישט זעהן, נישט הערען, גאָרנישט אַריינברענגען אַהער און גאָרנישט אַרויסטראָגען פון דאַנען. און אויף וויפיל געשיקט און זיכער עס האָבען געאַרבייט זיינע הענד, אויף אַזויפיל זענען אַלע זיינע בעוועגונגען, געווען אונזיכער און אָנגעשטרענגט. אין דערזעלבער צייט האָט זיין בליק מיט אַ דורשטיגער נייגעריגקייט געוואָרפען זיך פון איין זאַך אויף די אַנדערע, ווי ער וואָלט וועלען אונבעמערקט אונטערכאַפּען, גנב׳ענען וואָס מעהר פערבאָטענע איינדריקען.

דער צווייטער, וואָס האָט זיך געפונען אין הויף, איז

געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג, אַ יוסטער, אַ שטאַרקער, מיט אַ קורצען האַלז, אַ ברייטליכען פולען געזיכט, אַ דיקע נאָז און גרויע, עטוואָס בלייכע און משונה-קלאָרע אויגען, כמעט זָהן אַ שום צענטראַל-פינטעל; קעצישע, שעהנע, נאָר אין זיי האָט זיך געפיהלט עפּעס טיף פערבערכערישעס. אויפ׳ן געזיכט, צונויפגעגאָסען מיט אַלע שטריכען, מיט די אויגען, נאָז און ליפען,—האָט געשפּילט אַ שמייכעלע, אַ בעסטיאַל-פּרעהליכס, וואָס האָט עדות-געזאָגט אויף זיין גייסטיגער רוהיגקייט. אַ רונד שוואַרץ בערדעל און שוואַרצע האָר, האָבען אונטערגעשטראָכען אין פּנים דעם אויסדרוק פון כאַראַקטער און ווילען. אָנגעטהון איז ער געווען אין אַנ׳אַרעסטאַנטען-כאַלאַט. אויפ׳ן קאָפּ אַ קיי-לעכדיג, ווייך אַרעסטאַנטען-היטעל. עטוואָס איינגעבויגען, דעם קאָפּ נידעריג אַראָבגעלאָזען, ווי פערטיפט אין געדאַנקען, איז ער אומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבער׳ן הויפעל, מיט גע-מאָסטענע טריט, גרינג און אומבעמערקט, אונטערהאַלטענדיג די קייטען אונטער׳ן כאַלאַט: זיי האָבען געלאָזט וויסען פון זיך דורך איינצעלנע, צופעליגע קלאַנגען. עס איז געווען עטוואָס כמעט גראַציעזעס אין זיינע לייכטע, זיכערע טריט, געמעסיגטע דורך די פערבאָרגענע קייטען.

בשעת איך בין אַריין אין הויפעל, האָט דער אַרעסטאַנט עפּעס דערצעהלט. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם, רוהיג און מעסיג, נאָך דעם ריטם פון די אייגענע טריט. דער וועכטער און לאַמ-פּענצינדער האָבען איהם צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמ-קייט.

מיין אַריינקומען האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסען דעם געשפּרעך. דער אַרעסטאַנט האָט שנעל, ווי אַ פוקס, אַ בליק געטהון אויף מיר מיט זיינע בעסטיאַל-פּרעהליכע אויגען, האָט מיר העפליך אָבגעטראָטען דעם וועג און ווייך, כמעט פריינד-ליך בעגריסט: „גוט מאָרגען”. דער לאַמפּענצינדער האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט א נייגעריג-דערשראָקענעם בליק און איז גע-בליבען אונבעוועגט, מיט אַ האַלב אָפענעם מויל. דער וועכטער האָט זיך שווער אויפגעהויבען פון אָרט און גענומען דעם שלי-

סעל פון מיין קאמער. נאר אנשטאט אבצופיהרען מיך אהין, איז ער געבליבען שטעהן אויפ׳ן ארט, א מורמעל טהוענדיג: „באלד״!... און, נאך א קליינעם ישוב-הדעת, צוריק אראבגעלאזען זיך אויפ׳ן בענקעל, איבערלאזענדיג מיך אין הויף.

איך האב מיך אנגעלעהנט אן דער וואנד און גענומען בעטראכטען דעם ארעסטאנט, אין וועלכען איך האב גלייך דערקענט מיין שכן, דעם מערדער, כאטש איך האב איהם קיינמאל נישט געזעהן. גאנץ מאשינאל האב איך מיט די אויגען גענומען זוכען זיינע הענד. ווי זעהען זיי אויס, די הענד, וואס האבען געווארגען קינדערשע העלזעלעך און געווען פערגאסען מיט וואַרימען מענשען-בלוט?...

די רעכטע האנד, מיט וועלכער דער ארעסטאנט האט אונטערגעהאלטען די קייטען איז געווען פערדעקט מיט׳ן כאלאט. די לינקע, אין וועלכער ער האט געהאלטען א פאפיראס, איז געווען א גאנץ געוועהנליכע, א ברייטע, מיט קורצע דיקע פינגער. זי האט מיר אויסגעוויזען צו ווייס, ווי נאר-וואס שטארק געוואשען...

דער ארעסטאנט האט, ווייזט אויס, דערפיהלט מיין אויפמערקזאמען בליק. ער האט שנעל אויף מיר א קוק געטהון, און, אבקעהרענדיג זיך, פארטגעזעצט דעם איבערגעריסענעם געשפרעך:

—מען קאן גאר אפילו נישט פערגלייכען יענע געגענדען מיט די היגע. אי מענשען אנדערע, אי גאר אנדערע מנהגים, סיבירישע! דארטען וועט מען נישט פייניגען א מענשען אומזיסט. ביזטו אריינגעפאלען, האט מען דיך געכאפט פאר׳ן האנד—איז א סוף, פערפאלען, בעקומסטו אויפ׳ן ארט די מפלה: מען וועט דיר גלייך אבשרויפען דעם קאפ, אהן דבורים... האט מען דיך אבער פאר׳ן האנד נישט געכאפט—קענסטו זיין רוהיג, ארבייטען ווייטער, קיינער וועט דיך מיט א פינגער נישט אנריהרען!... אנ׳אמת׳ער גן-עדן, זאג איך אייך...

דער וועכטער, קוקענדיג אן א זייט, האט צושטימענדיג, א שאקעל געטהון מיט׳ן קאפ און מרה-שחורה׳דיג, נאר מיט א מין אבשיי ארויסגערעדט:

—עס פערשטעהט זיך, ווער עס האָט לאַנג אין יענע גע-געגנדען אַרומגעוואַנדערט, ווייסט גוט אַלע דאָרטיגע מנהגים, יע-נער האָט, הייסט דאָס, אַ געוועהנהייט צו די ערטער...

—אַ! וואָס פאַר אַ מעשים מיר האָבען דאָרטען אָבגעטהון!— האָט לעבעדיגער גענומען דערצעהלען דער אַרעסטאַנט.-נאָך מיין צווייטען אַנטלויפען פון קאַטאָרגע, האָב איך זיך אַ יאָהר צוויי געהאַלטען אויף דער פרייהייט, די גאַנצע צייט אַרומגעבלאָנקעט זיך איבער סיביר. וויפיל מעשים אויסגעפיהרט—נישט אויסצורע-כענען! איינמאָל האָב איך מיט אַ חבר פערקליבען זיך צו אַ רייכען גלה, געקוילעט איהם, דאָס ווייב, צוויי קינדער און די דינסט. די עלטערע טאָכטער האָט מיין חבר מאנס געוועזן און נאָכדעם דעם מח געשפאָלטען, און זי נעהמט און לעבט אָב! האָט מען אָנגעהויבען פיהרען צו איהר אַלערליי בראָדיאַ-געס, זי זאָל דערקענען דעם גזלן. אויף מיר איז קיין שום חשד נישט געווען, איך האָב געוואוינט דאָרט ווי אַ סוחר. וואָס-זשע מיינט איהר! איז אָנגעפאַלען אויף מיר אַ מין משוגעת, און איך בין אַליין אַוועק אַ קוק טהון אויף דעם מיידעל, האָב אפילו געשמועסט מיט איהר...

—און זי האָט דיך נישט דערקענט?...—האָט מיט אַ פער-כאַפּטען אָטעם אַ פרעג געטהון דער לאָמפּענצינדער.

—וואו! זי איז געווען אין אַ מין פיבער... און ווען זי וואָלט מיך אפילו דערקענען, וואָלט איהר אויך קיינער נישט גלויבען...

דער לאָמפּענצינדער האָט זיך גענומען אַראָבלאָזען פון לייטערל, נאָר ער האָט זיך אָבגעשטעלט און נישט זיכער אַ פרעג געטהון:

—אָט, מע זאָגט, אַז ווען מע הרג'עט אַ מענשען, קומט דער געהרג'עטער נאָכדעם ביינאַכט און שרעקט... עס טרעפט אפילו, זאָגט מען, אַז ער שטיקט... איז עס אמת?...

דער אַרעסטאַנט האָט אַ וואָרף געטהון אויף דעם לאָמ-פענצינדער אַ שמייכעל-בליק און אַרויסגערעדט איראָניש:

—ווייבערשע זאַבאָבאָנעס! דאָס האָבען אויסגעטראַכט די

לאַנג-האָריגע גלחים, וואָס האַנדלען מיט גאָט; זיי האָבען עס אויסגעטראַכט, כּדי צו שרעקען נאַראָנים. האָב קיין מורא נישט; אַ געהרגעטער, אַז מען בערוהיגט איהם ווי עס בעדאַרף צו זיין, וועט שוין ערגעץ נישט געהן, ער וועט שוין ליגען רוהיג, כאַ-כאַ!

און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ער צוגעגעבען ערנסט:

—עס פערשטעהט זיך, עס טרעפען זיך אַזעלכע, וואָס האָבען אַלערליי דמיונות... דאָס קומט איבערהויפּט פון געדאַנקען. נאָר אַז מ'גין טראַכט נישט, וועלען קיין שום שרעקען נישט זיין. ריכטיג זאָג איך!

—און דו... דו האָסט זיך קיינמאָל נישט געשראָקען?—נישט געהאַט קיין דמיונות?—האָט ווידער געפרעגט דער לאָמפּענצינדער.

—איך?...

דער אַרעסטאַנט האָט אַ קלער געטהון און געענטפערט:

—דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב געהרגעט אַ מענשען, איז, פון אונגעוועהנהייט, געווען אַ ביסעל נישט רוהיג אויפ'ן האַרצען. נאָכדעם—איז עס פערביי.

—עס פערשטעהט זיך: אָהן אַ רגילות איז שווער אפילו אַ פלוי צו הרגענען, נישט נאָר אַ מענשען...—האָט ערנסט צוגעגעבען דער וועכטער.

—דעם ערשטען מאָל איז מיר אויסגעקומען אַוועקצולעגען אַ יונגען סוחר'ל. איך האָב איהם, אַ שיכּור'ן, אַריינגענאַרט אין אַ וועלדעל, און אַז עס איז געקומען צו דער מעשה, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב נישט אָנגעגרייט נישט קיין מעסער, נישט קיין אייזען, אפילו קיין שטעקען ביי זיך נישט געהאַט. נישט אַ טראַכט געטהון בעציימענס וועגען דעם, כאַ-כאַ! האָב איך איהם גענומען מיט הוילע הענד ווערגען, ער האָט זיך געראַנגעלט, און עס האָט אַ גוטע שעה געדויערט, ביז איך האָב איהם גע'פּטר'ט: געוואָרגען, געשטיקט, געקלאַפּט איבער'ן קאָפּ מיט די קאָרקעס... נאָכדעם איז מיר אַ גאַנצען טאָג געווען נישט היימליך, אַ מין מלאָשנעקייט איז אונטערגעגאַנגען אונטער'ן

האַרצען. עס האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך האָב איהם נישט ביז׳ן טויט דערקלאַפּט און ער וועט אָבלעבען און אָנוויי-זען אויף מיר. און מיך האָט ווי מיט צוואַנגען געצויגען געהן אַ קוק טהון אויף איהם...

נאָך אַ קורצען שווייגען, האָט ער צוגעגעבען ערנסט, מיט אַ ביסעל אַ טרויעריגען טאָן פון אַ ספּעציאַליסט, וואָס רעדט מיט מענשען, וואָס קאָנען איהם נישט אָבשאַצען.

—אויף אַלץ דאַרף מען האָבען אַ גאַנג. דעמאָלט האָב איך זיך אַ גאַנצע שעה געמאַטערט, ביז איך האָב אַוועקגעלעגט דעם סוחר׳ל, און איצט וועל איך דעם געזונדסטען מענשען אַוועק-לעגען אין איין אויגענבליק. און נישט ווייל איך בין אַנ׳איבע-ריגער גבור, ניין, נאָר ווייל איך ווייס דעם סוד, איך ווייס ווי מען דאַרף צו אַ מענשען צוטרעטען... איך האָב אין דער יו-גענד א לאַנגע צייט אין שעכטהייזער געאַרבייט, האָב איך זיך צוגעקוקט...

—וואָס פאַר אַ סעקרעט איז דאָס?—האָט מיט גרויס ניי-געריגקייט געפרעגט דער לאָמפּענצינדער.

דער אַרעסטאַנט, נישט אויפהערענדיג אַרומצוגעהן אַהין און צוריק איבער׳ן היפעל מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, האָט געטראַכט אַ ווײלע, נאָכדעם געענטפערט לאַנגזאַם:

—דער סעקרעט איז אַזאַ, אַז מען דאַרף אַ מענשען נישט געבען קיין צייט צו בעדענקען זיך. דאָס איז אַ ריכטיגער מי-טעל! לאָז זיך זיין אַ חברה פון צעהן מענשען, אפילו בעוואָ-פענטע, און דו איינער נאָר מיט אַ מעסער—אויב דו וועסט זיך אַ וואָרף טהון פלינק, אומגעריכט אויף איינעם און מיטאַמאָל, אין אַ פלינקער רגע, מיט איין קלאַפּ אַוועקלעגען איהם—איז פאַרטיג: זענען אַלע דיינע! זיי וועלען שטעהן ווי פאַר׳כישוף׳טע, אָבהענדיג,—נעהם און קוילע זיי אויס איינעם נאָך דעם אַנ-דערן, ווי שעפּסען.

—ריכטיג!—האָט מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט זיכער און לעב-האַפט דער וועכטער און האָט זיך אפילו אויפגעהויבען פון אָרט.—אויף מלחמה איז אַקוראַט דיזעלבע זאַך. איך האָב עס

אַליין דורכגעמאַכט, אַז מיר זענען געגאַנגען אויף דעם טערק, האָט זיך געטראָפען, אַז מיר האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אומגע-ריכט אין אַ הויז, וואו עס זענען געווען אַ נאַנצע חברה טער-קישע סאָלדאַטען. מיר האָבען געשטאָכען צווייען—זענען די אי-בעריגע שוין גאָרנישט ווערט געווען, זיי האָבען זיך געוואָרפען איבער׳ן חדר, געשריען „אַללאַ! אַללאַ!"—און קיין שום ווידער-שטאַנד נישט בעוויזען, און מיר האָבען זיי אויסגעקוילעט אַלע-מען, ביז דעם לעצטען, ווי שעפסען...

די בעמערקונג פון דעם וועכטער האָט געמאַכט אַנ׳אומ-געריכטען איינדרוק אי אויף דעם לאָמפּענציינדער, אי אויף דעם אַרעסטאַנט. די פּאָר ווערטער וועגען מלחמה האָבען ווי פערשאָ-טען, אויסגעגלייכט דעם תהום, וואָס איז געלעגען צווישען זיי און דעם מערדער. די איינגעהאַלטענע אימה, וואָס האָט זיך געלויכטען אין די נאַאיווע אויגען פון לאָמפּענציינדער, איז מיט-אַמאָל פערלאָשען געוואָרען און האָט זיך פערביטען אויף אַ גע-וועהנליכע וואָכעדיגע נייגעריגקייט. אַקוראַט ווי מען וואָלט דעם דאָרפסמאַן, מיט אַ קלאָרען משל ערקלערט אַ געוועהנליכען תוכן פון עטוואָס שרעקליכעס און אונפערשטענדליכעס. אויך דער אַרעסטאַנט, וואָס האָט די גאַנצע צייט געפיהלט אַ שטומען ווי-דערשטאַנד, אַ פּראָטעסט אין טיפען האַרצען ביי די צוהערער, האָט איצט דערשפירט, אַז ער האָט געפונען אַ געמיינזאַמען באָ-דען, און האָט אַרויסגעזאָגט זיכער און אויטאָריטעטיש:

—זאָרגט נישט! איך האָב שוין אין מיין לעבען גענוג וואָס געזעהן! אַז איך זאָג, ווייס איך, וואָס איך זאָג; אַ מענש, אַ שעפס—דיזעלבע זאַך! און אומעטום איז אפילו דיזעלבע הסברה: וואָס ביי אַנ׳אַרעסטאַנט, וואָס ביי אַ פּרייען, וואָס ביי אַ סאָל-דאַט. האָט זיך דיר איינגעגעבען כאַפּען יענעם פאַר׳ן גאָרגעל—ביזט דו גערעכט, ביזט דו דער פּריץ, כאַ-כאַ-כאַ!

דער לאָמפּענציינדער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד, האָט אַרויפגעוואָרפען דאָס לייטערל אויפ׳ן אַקסעל. אַז דער אַרעסטאַנט איז שפּאַצירענדיג פאַרביי איהם פאַרבייגעגאַנ-גען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און מיטאַמאָל געווענדט זיך צו

איהם שוין אָהן פריהערדיגער אונזיכערקייט,—רוהיג, ווי עס רעדט אַ גלייכער מיט אַ גלייכען, אַ חבר מיט אַ חבר:

—אָט איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַ ביכעל וועגען אַ גרויסען הויפּטמאַן פון גזלנים, וואָס האָט זעהר פיל מענשען גע׳הרג׳עט. אַז מען האָט איהם געכאַפּט און שוין געוואָלט קע-פּען,—האָט ער אָנגעהויבען בעטען זיך, מען זאָל איהם אויף איין טאָג אָבלאָזען אַהיים, געזעגענען זיך מיט ווייב און קינד, און ער האָט געגעבען זיין הויפּטמאַן-וואָרט, אַז ער וועט צו-ריקקומען. נו, האָט מען איהם געגלויבט און אָבגעלאָזט אַהיים. איז וואָס-זשע מיינסטו, ברודערל מיינער, איז ער דאָך טאַקי געקומען צוריק! וויפיל אומשולדיגע נפשות ער האָט אומגע-בראַכט—און זיין הויפּטמאַן-וואָרט האָט ער געהאַלטען! אָט וואָס פאַר אַ טשיקאַווע זאַכען עס טרעפען זיך!

דער אַרעסטאַנט האָט זיך מיטאַמאָל אָבגעשטעלט און האָט שאַרף אַ בליק געטהון אויפ׳ן לאָמפּענצינדער. זיין געזיכט האָט זיך אינגאַנצען אומגעביטען. פריהער, בעת ער האָט דערצעהלט וועגען זיינע רציחות, האָט מיך מעהר פאַר אַלץ אָבגעשטעלט דער אויסדרוק פון רוהיגער חוצפה, מיט וועלכער ער האָט אונז געקוקט אין די אויגען אַריין, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז ביי וועמען עס איז פון אונז איז דאָ אַ האַרץ, אַ געוויסען. אין זיין שטימע איז אפילו נישט גע-ווען קיין בעריהמעריי, נאָר אַ טעמפּע בעסטיאַלע אונפערשעמט-קייט. איצט איז זיין פּנים מיטאַמאָל געוואָרען ערנסט, איבער איהם האָט זיך דורכגעטראָגען ווי אַ שאָטען, דער אויסדרוק פון עטוואָס אויפגעהאַלטענדעס, בעפעהלענדעס, מענשליכעס. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען און נאָכדעם אַרויסגעזאָגט שטאַרק און זיכער:

ווי דען-זשע! וויבאַלד ער האָט אַ הויפּטמאַן-וואָרט געגע-בען, האָט ער איהם געמוזט האַלטען. אָט נעהם למשל מיך, אויב מען וואָלט מיך אָבגעלאָזען אויף מיין וואָרט—ווענדט זיך, וואָס פאַר אַ וואָרט איך וואָלט געגעבען. אויב אַ פּשוט וואָרט, וואָלט איך אָבגענאַרט; וואָלט איך אָבער געגעבען אַנ׳אַרעסטאַנ-

טען-וואָרט—וואָלט איך איהם געוויס געהאַלטען און צוריקגע-קומען...

דער וועכטער האָט זיך שווער אויפגעהויבען און גענומען די שליסלען, געבענדיג צו פערשטעהן, אַז דאָס געשפּרעך האָט זיך געענדיגט. ער האָט געמאַכט עטליכע טריט, נאָר באַלד אָב-געשטעלט זיך און אַרויסגעזאָגט פערטראַכט, ווי פאַר זיך:

—נו, אויף דיין אַרעסטאַנטען-וואָרט וואָלט דיר נאָך נישט יעדערער אַזוי געגלויבט. נאָר דאָס מוז מען זאָגען, אַז אויב אַ מענש איז אין וואָס אַריינגעטהון, ליגט דאָרט אויך זיין נשמה... דאָס איז ריכטיג!...

# גאַפּאָן

(דער ערשטער אָנזאָגער פון דער רוסישער רעוואָלוציע)

## ז

די טראַגישע און טיף סימבאָלישע פיגור פון דעם רעוואָ-לוציאָנערען גלח געאָרגי גאַפּאָן, וועלכער האָט אויפגעבליצט אַזוי גראַנדיעז און שען און איז באַלד נאָכדעם פערלאָשען געוואָרען אין דעם טשאַד און עפּוש פון בלוט און פּראָוואָקאַציע,—האָט זיך בעוויזען אויף די כוואַליעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע גאַנץ אומגעריכט און פאַנטאַסטיש. ביז אָנהויב 1905, האָט כמעט קיי־נער נישט געהערט פון דעם אויסערגעוועהנליכען אָנפיהרער פון פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. אין די רוסישע עמיגראַנטען-קאָלאָנ-יעס אין אויסלאַנד איז מען אין דעם ערשטען מאָמענט געווען אפילו געניגט אָנצונעהמען די גאַנצע מעשה מיט דעם רעיואָ-לוציאָנערען גלח פאַר אַ ווילדער פאַנטאַזיע פון אַני־איירעפּאָישען זשורנאַליסט, וועלכער קאָן זיך נישט פאָרשטעלען קיין שום בע-וועגונג אין רוסלאַנד אָהן אַ „פּאָפּ”. די ידיעות וועגען שטורמי־שע געשעהענישען אין פּעטערבורג, וואָס האָבען געפיהרט צו אַ פּאָטאַלער קאַטאַסטראָפע, האָבען אָבער באַלד אַלעמען איבערצייגט, אַז דער גלח איז נישט קיין פאַנטאַסטישער נאָר אַ רעאַלע פיגור.

די נערוועזע שטימונג, וועלכע האָט אין די טעג פֿון 9-טען און 10-טען (22—23) יאַנואַר געהערשט אין די רוסישע עמיגראַנטען-קאָלאָניעס, איז נישט צו בעשרייבען. מעהר פּאַר אַלץ האָט מען גערעדט וועגען גאַפּאָנען. יעדע פּאַרטיי האָט פּערזיכערט, אַז ער געהערט צו איהרע אָנהענגער. עס זענען אפילו געווען קלאַנגען, אַז אונטערן נאָמען גאַפּאָן און אונטער דעם בגד פֿון אַ גלח געפינט זיך איינער פון די בעוואוסטע רעוואָלוציאָנערען. לעזענדיג די בעשרייבונגען פון די בלוטיגע געשעהענישען פונ'ם 9-טען יאַנואַר אין פּעטערבורג, האָבען אַלע מיט אַ פיבערהאַפטען אינטערעס געזוכט וועגען גאַפּאָנען: וואָס איז געוואָרען מיט איהם, מיט דעם אָנפיהרער פון דער דעמאָנסטראַציע? נאָר אין די ערשטע טעלעגראַמען איז וועגען איהם נישט געווען דערמאָהנט. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך בעקומען אַ לאַקאָנישע טעלעגראַמע: „גאַפּאָן איז גע'הרג'עט". נאָר דעמזעלבען טאָג אין אָוונד איז געקומען אַנ'אַנדער ידיעה: „גאַפּאָן איז שווער פערוואונדעט און אַרעסטירט". בלויז דעם 11-טען אָדער 12-טען האָבען אָנגעהויבען אַרומגעהן קלאַנגען, אַז גאַפּאָן, כאָטש אַ פערוואונדעטען, איז געלונגען צו אַנטלויפען. מעהר זענען וועגען איהם אַ לאַנגע צייט קיין שום ידיעות נישט געווען אין די צייטונגען. נאָר ביסלעכווייז האָט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פערשפּרייט די ידיעה, אַז גאַפּאָן געפינט זיך שוין אין אויסלאַנד. איינע האָבען געזאָגט: אין בעלגיען, אַנדערע – אין לאָנדאָן אָדער פּאַריז. באמת אָבער האָט ער זיך אין יענער צייט געפונען אין גענף.

## ב

באַלד נאָך דעם 9-טען יאַנואַר, בין איך אָבגעפאָהרען פון גענף און זיך אומגעקעהרט צוריק אַהין אין מיטען פעברואַר. די ערשטע נייעס, וואָס מען האָט מיר מיטגעטיילט, ווי אַ שטרענג קאָנספּיראַטיווע געהיימעניש, איז געווען, אַז גאַפּאָן געפינט זיך אין גענף. מען האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע פון זיין אַנטלויפען

און דערביי האָט מען צוגעגעבען, אַז גאַפּאָן האָט איבערגעריסען אַלע בעציהונגען מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטען און איז כמעט צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען, הגם אָפיציעל איז ער אין דער פּאַרטיי נישט אַריינגעטראָטען. בע-זוכט האָט ער זיך ביי איינעם פון די וויכטיגע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי ס.-ר., לעאָניד שישקאָ (געשטאָרבען אין 1910). אויף מיין פראַגע, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק מאַכט גאַפּאָן, האָט מען מיר געענטפערט:

—פון ערשטען בליק מאַכט ער אַ ביסעל אַ מאָדנעם איינ-דרוק... ער איבערראַשט נישט. מען קאָן איהם אַפילו אָננעהמען פאַר אַ האַלב-אינטעליגענטען מענשען. נאָר אַז מען קוקט זיך צו איהם צו, זעהט מען, אַז דאָס איז זעהר אַנ׳אָריגינעלע פּערזענ-ליכקייט.

אין דעמזעלבען טאָג האָב איך זיך בעגעגענט מיט איינעם פון די וויכטיגסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי ס.-ר., דעם איצ-טיגען קעמפער געגען באָלשעוויזם, באָריס סאַווינקאָוו, מיט וועמען איך בין דאַן געווען נאָהנט בעפריינדעט. ער האָט דעמאָלט צוזאַמען מיט אַזעוו׳ן אָנגעפיהרט מיט דער טעראָריסטישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. צייטווייליג האָט ער זיך געפונען אין גענף, וואו ס׳האָבען געוואוינט זיין פרוי מיט די קינדער. ער האָט זיך גע-האַלטען זעהר קאָנספּיראַטיוו, איז נישט אַרויסגעטראָטען אויף קיין פערזאַמלונג און ווי אַלע מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַני-זאַציע, האָט ער זיך געקליידט זעהר עלעגאַנט. ער האָט מיך איינ-געלאַדען צו זיך אין אָוועגד און דערביי צוגעגעבען, אַז ביי איהם וועט זיין גאַפּאָן.

איך בין געקומען צו סאַווינקאָוו׳ן אַ זייגער ניין. חוץ סאַ-ווינקאָוו׳ן מיט דער פרוי, האָט זיך אין צימער געפונען אַ מענש פון אַ יאָהר דרייסיג זעהר אַ דאַרער, נאָר אַ שטאַרקער, אַ טיפער ברונעט, כמעט אַ מולאַט, מיט אַ לאַנגער נאָז, אַ דינעם און אַ פלאַכען ביין-שפּיץ, מיט דינגע ליפען און טיפזיצענדע שוואַרצע אומרוהיגע אויגען, וועלכע האָבען ווי געכאַפּט אויסערליכע איינ-דרוקען און גיך אַוועקגעטראָגען זיי ערגיץ-וואו אין אַ טיפעניש.

אין בליק פון די אויגען איז געווען עטוואס שאַרפעס, פאַרטעג-
דעס און אויסקוקענדעס. די האָהר אויפ'ן קאָפּ זיינען געווען פעסט
אָבגעשוירען. אָנגעטהון איז דער יונגערמאַן געווען ווי א פראַנס,
אין נייע קליידער, אין לאַקירטע שיך און מיט א ברייטען קאָ-
לירטען קראַוואַט. געזעסען איז ער איינגעבויגען, מיט אנ'אראָב-
געלאָזטען קאָפּ, צונויפדריקענדיג די צונויפגעלעגטע הענד צווישען
די קניה. אין אַלגעמיין, איז די פיגור געווען א מיזערע. און פון
ערשטען בליק האָט מען געקאָנט דעם מענשען אָננעהמען פאַר
אנ'אָנגעשטעלטען פון א קליין געוועלבעל. טראָץ דעם, וואס איך
האָב געזעהן גאַפּאָנ'ס פאָטאָגראַפיע. (אַלס גלח) און האָב געוואוסט
אַז איך דאַרף איהם דאָרט טרעפען, איז מיר אין דער ערשטער
מינוט אפילו אויפ'ן זינען נישט געקומען, אַז דאָס איז גאַפּאָן.

פערשטאַנען האָב איך, ווער דאָס איז, נאָר פונ'ם געשפרעך.
גאַפּאָן האָט דערצעהלט, ווי עס זענען געווען אָרגאַניזירט די
אַרבייטער-אָבטיילונגען פאַר זייער אַרויסטריט. מ'ך האָט איבער-
ראַשט דער טאָן, מיט וועלכען ער האָט עס דערצעהלט. געאיילט,
נערוועז, איבער'חזור'נדיג צו עטליכע מאָל יעדע פראַזע, האָט ער
נישט אַזוי געערעדט וועגען דער פאַקטישער געשיכטע פון דער אָר-
גאַניזאַציע, ווי ער האָט זיך בעמיהט מיט אַלע כוחות צו דער-
ווייזען, אַז ער האָט פון אָנהויב אָן געאַרבייט לויט א בעשטימ-
טען פּלאַן, וואס האָט געדאַרפט צוגרייטען דעם רעוואָלוציאָנערען
אַרויסטריט. ער האָט אונטערגעשטראָכען, אַז אָבנאַרענדיג די פּאָ-
ליציי, האָט ער אין דערזעלבער צייט נישט געהאַט קיין שום
צוטרוי צו די אָנפיהרער פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, בע-
האַלטענדיג פון זיי זיינע פּלענער. אין זיינע רייד האָט זיך גע-
פיהלט, אַז ער פערענטפערט זיך, בעמיהט זיך אַראָבצונעהמען פון
זיך עפעס א חשד.

נאָך מעהר האָט מיך פעראינטערעסירט די בעציהונג פון
סאַווינקאָוו'ן צו גאַפּאָנען. סאַווינקאָוו, א מענש מיט א שטאַרקען ווילען,
מיט א קאָכענדער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, האָט געהאַט עטוואס
עהנליכעס אין דער נאַטור מיט גאַפּאָנען. ער איז געזעסען פונאַנדערגע-
וואָרפען אויפ'ן דיוואַן און נישט אַראָבגעלאָזט פונ'ם גלח זיין פאַרשענדען

אָנגעשטרענגטען בליק אין וועלכען עס האָט זיך אויסגעדריקט טיפער פעראַכטונג. גאַפּאָן האָט זיך געפיהלט זעהר אונהיימליך אונטער דעם פאָרשענדען בליק און איז געוואָרען אַלץ מעהר אויפגערעגט.

—און מיט זובאַטאָוו׳ן*) זענען ביי אייך פריהער נישט געווען קיין נאָהנטע בעציהונגען?—האָט איהם מיט אַמאָל איבערראַשט מיט זיין פראַגע סאַווינקאָוו.

גאַפּאָן האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און איז אפילו אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

—קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט!—האָט ער אויסגעשריען הייס,—פון אָנהויב האָב איך זיי אַלעמען געפיהרט פאַר דער נאָז, אין דעם איז דאָך בעשטאַנען מיין גאַנצער פּלאַן.

—נו, וואָס דרעהט איהר אַ מח!—האָט איהם איבערגעשלאָגען סאַווינקאָוו,—וואָס פאַר אַ פּלענער האָט איהר געהאַט? האָט איהר דען מיט אַ חודש פריהער געקאָנט פאָראויסזעהן מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען?

ביי גאַפּאָנען אויף די ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ גיפטיג שמייכעלע און ער האָט געאיילט און מיט עניוות געענטפערט.

—אפשר נישט געוואוסט! אפשר נישט געוואוסט! און די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבען עפּעס געוואוסט? האַ? זיי האָבען געוואוסט?

—זיי האָבען אויך גאָרנישט געוואוסט.

—נו, נו, אָט, אָט! זיי האָבען נישט געוואוסט און איהר האָט נישט געוואוסט. און איצט ווייסט איהר אויך גאָרנישט... אָט איך וועל אָנשרייבען וועגען דעם אַ בוך. איך וועל אָנשרייבען, וועט איהר דעמאָלט וויסען, דעמאָלט וועט איהר אַלץ וויסען!

דאָס געשפּרעך האָט אָנגענומען אַן׳אָנגעשטרענגטען כאַראַקטער. סאַווינקאָוו׳ס פרוי האָט דאָס בעמערקט און כדי איבערצופיהרען דאָס געשפּרעך אויף אַן׳אַנדער טעמא, האָט זי אָנגעהוי-

*) זובאַטאָוו איז געווען אַ זשאַנדאַרמישער פּאָלקאָווניק, וועלכער איז געווען בעוואוסט מיט זיין פּראָוואָקאַטאָרישער טעטיקייט.

בען גוטמוטיג אָבלאַכען פון גאַפּאָנ׳ס ליבע צו קאָלירטע קראַ-וואַטען. גאַפּאָן, ווייזט אויס איז צופרידען געווען פון דעם אָב-לאַכען און האָט זיך פערטיידיגט דערמיט, אַז מיט קראַוואַטען בעהאַלט ער אויס פון דער אויסערליכער וועלט זיין רעוואָלוצ-יאָנערע פיזאָנאָמיע. אַוועקגעהענדיג, האָט גאַפּאָן מיך איינגעלאַ-דען צו זיך און אַרויסגערופען זיך קומען צו מיר, ווען מען וועט איהם ערלויבען אַרויסגעהן פון שטוב.

## ג

אין עטליכע טעג אַרום בין איך אַוועק צו גאַפּאָנען.

שישקאָ, ביי וועמען גאַפּאָן האָט זיך בעזעצט, אַנ׳אַלטער און קרענקליכער מענש, אינגאַנצען אַריינגעטהון אין זיין ליטע-ראַרישער אַרבייט,—האָט געוואוינט כמעט אין עק שטאָדט, אין אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אָבגעזונדערט און ווייט פון אַנדערע הייזער. אפילו דער געשיקסטער שפּיאָן וואָלט נישט קאָנען נאָכ-שפּירען נאָך דער וואוינונג, נישט זענענדיג בעמערקט.

גאַפּאָנען האָב איך געטראָפען ביי אַ גאַנץ אומגעריכטער בעשעפטיגונג. ער איז געשטאַנען אין זאַל און האָט פון אַ קינ-דער-ביקסעל געשאָסען אין אַ ציעל, וואָס איז געווען צוגעקלעבט צו דער וואַנד. גאַפּאָן איז געווען שטאַרק אַריינגעטהון אין דער שיסעריי. דערזעהן מיך, האָט ער זיך דערפרעהט און אויסגע-שריען:

—אַ-נו! אַ-נו! אַ-נו! פּרובט אויסשיסען! פּרובט אַקאָרשט אויסשיסען!

איך האָב אויסגעשאָסען און נישט געטראָפען אין ציעל. גאַפּאָן איז געווען ענטציקט.

—און איך טרעף אַמאָל נאָך אַמאָל!—האָט ער אויסגעשריען מיט שטאָלץ.

שישקאָ׳ס פרוי, וועלכע איז דערביי געווען, האָט זיך אָב-געררופען מיט אַ שמייכעל, ווי מען רעדט וועגען אַ שטיפעריי פון

אַ נאָכגעגעבענעם קינד:

פון פריהמאָרגען אָן הערט נישט אויף די שיסעריי! מיר זענען שוין פערדולט געוואָרען!

—אַט, באַלד, באַלד! נאָך פינף מאָל שיס איך אויס און גענוג!

נאָר נאָך די פינף מאָל האָט ער געבעטען אַן׳ערלויבעניש נאָך אויף פינף מאָל, און ווידער זויף פינף מאָל. ענדליך האָט ער אַוועקגעלעגט דאָס ביקסעל און מיט אַן׳ערנסטער מינע אַרויס־געזאָגט:

—איך מוז זיך אויסלערנען שיסען, באַלד וועל איך זיך אָנהויבען לערנען פעכטעווען און פאָהרען רייטענדיג... דאָס אַלץ וועט מיר זיין נויטיג.. האָט ער צוגעגעבען געהיימניספול.

דערמאָהנענדיג זיך, אַז ער דאַרף זיך זעהן מיט איינעם פון די עמיגראַנטען, האָט ער גענומען בעטען פרוי שישקאָ, זי זאָל איהם ערלויבען אַרויסגעהן. נאָך אַ לאַנגען דינגען זיך האָט זי איהם געגעבען די ערלויבעניש, נאָר בתנאי, אַז איך זאָל איהם בעגלייטען און ברענגען צוריק אַהיים. מען האָט דעמאָלט איהם שטאַרק אָבגעהיט, מורא האָבענדיג, די רוסישע שפּיאָנען זאָלען איהם נישט דערקענען און די רוסישע רעגירונג זאָל נישט פאָ־דערן איהם אַרויסצוגעבען.

איך האָב געבעטען גאַפאָנען דערצעהלען מיר, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 9-טען יאַנואַר און ווי אַזוי ער האָט זיך גע־ראַטעוועט?

—ווען די פּראָצעסיע איז אַרויסגעגאַנגען,—האָט ער דער־צעהלט—בין איך געגאַנגען פאָראויס. נעבען מיר איז געגאַנגען איינער פון מיינע נאָהנטסטע חברים, אַן׳אַרבייטער, און געטראָ־גען אַ הייליג בילד. מיט אַמאָל האָט זיך אָנגעהויבען אַ שיסעריי. מיין חבר מיט׳ן הייליגען בילד איז געפאַלען. אַרום מיר איז גע־וואָרען אַן׳אמת׳ער גיהנום. צעהנדליגער מענשען זענען געלעגען גע׳הרג׳עטע, פערוואונדעטע... אומעטום בלוט געשרייען... איך האָב אויפגעהערט צו פערשטעהן, וואָס מיט מיר טהוט זיך און בין געגאַנגען פאָראויס. אַרום מיר זענען געפלויגען קוילען, נאָר

מיר האָבען זיי נישט אָנגעריהרט. עס קאָן זיין, אַז די סאָלדאַ-טען האָבען נישט געוואַגט צו ציעלען זיך אין אַ גלח... מיט אַמאָל האָט זיך בעוויזען דער חבר רוטענבערג, אָנגעכאַפּט מיך פאַר דער האַנד און אַרויסגעפיהרט פון דעם גיהנום. ער האָט מיך אָבגעפיהרט אויף עפּעס אַ הויף און מיט אַ צוגעגרייטער שער אָבגעשוירען מיר די האָהר, אָנגעטהון אויף מיר אַ פּאַלטאָ און אָבגעפיהרט מיך צו מאַקסים גאָרקי. ווען גאָרקי האָט מיך דער-זעהן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון מיר אויפ'ן האַלז און זיך צע-וויינט. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טהוט זיך און געריסען זיך צוריק אויפ'ן פּלאַץ. מען האָט מיר דערלאַנגט אַ גלאָז וויין. ווען איך האָב דערזעהן דעם רויטען וויין, האָב איך אָנגעהויבען שרייען: „דאָס איז בלוט, בלוט“ און בין, דוכט זיך, געפאַלען חלשות...

ווייטער האָט ער דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט ווען ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט די גרענעץ. אויף יענער זייט גרענעץ האָט ער זיך געדאַרפט בעגעגענען מיט רוטענבערג'ן, נאָר זיי האָבען זיך אויסגעמידען. גאַפּאָן איז געקומען אַליין קיין גענף. דאָרט האָט ער געהאַט אַנ'אָנווייזונג צו אַנ'עמיגראַנט, נאָר ער האָט איהם נישט געטראָפען אין דערהיים און דעם עמיגראַנט'ס פרוי האָט חושד געווען, אַז גאַפּאָן איז אַ שפּיאָן און כמעט אַרויסגע-טריבען איהם. ער האָט זיך דערפרעגט אין די רוסישע ביבליאָטעק און דאָרט בסוד דערקלערט דעם ביבליאָטעקער, ווער ער איז. דער ביבליאָטעקער איז געווען איבערראַשט און האָט אָבגעפיהרט גאַפּאָנען צו פּלעכאַנאָוו'ן.—„דאָרט האָט מען מיך גענומען אין פלען—האָט דערצעהלט גאַפּאָן,—דריי טעג האָט מען מיך אָבגעהאַלטען, פערשפּאַרט און „בעאַרבייט“, כדי צו מאַכען פון מיר אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט. אויף אַזאַ אופן איז מיין „אויפרוף צום רוסישען פאָלק“ געווען איבערגעאַרבייט אין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישען טאָן איבער-הויפּט בנוגע צום טעראָר. נאָר איך האָב זיך אַרויסגעריסען פון פלען, אויפגעזוכט רוטענבערג'ן און אָנגעקניפּט בעציהונגען מיט די ס.-ר'ן.

איך ווייס נישט, וויפיל אמת עס איז געווען אין גאַפּאָנ'ס

ערצעהלונג, נאָר ביי יענער צייט איז ער געווען זעהר נאָהנט צו די ס.-ר. און אויפגעבראַכט געגען די ס.-ד. איבערהויפט דער-פאַר, וואָס אין אַ ס.-ד.׳קישער פּראָקלאַמאַציע האָט מען איהם אָנגערופען: „חוצפּה׳דיגער גלח״.

## ד

גאַפּאָן פלעגט דאַן בעטאָנען, אַז ער שטעהט אויסער פּאַרטיי און ערקלערט, אַז לויט זיין לאַגע, דאַרף ער נישט אַריינ-טרעטען אין קיין שום פּאַרטיי. אָבער גלייכצייטיג מיט דעם איז ער אַלץ מעהר זיך צונויפגעקומען מיט ס.-ר.׳ען און, געפינענדיג זיך אינגאַנצען אונטער זייער איינפלוס, האָט ער זיך ענטציקט מיט זייער טעטיגקייט און האָט אָפט געזאָגט, אַז דאָס זענען „די איינציגע לעבעדיגע מענשען״. מעהר פון אַלעם האָט ער סימפּאַ-טיזירט מיט דער טעראָריסטישער טעטיגקייט פון דער פּאַרטיי. געפינענדיג זיך אינגאַנצען אונטער דעם איינדרוק פון די געשע-הענישען פון 9-טען יאַנואַר, איז ער אין דערזעלבער צייט גע-ווען אַ הייסער אָנהענגער פון טעראָר, ער האָט כּסדר גערעדט וועגען באָמבעס. האָט געפּרעדיגט דעם מאַסען און איינצעלנעם טעראָר, געהאַלטען אין איין זידלען די מאַכט און אין זיינע רייד פלעגען אָפט פיגורירען: „בלוט-זויגער״, „בלוט-הברים״. א. אַ. וו.

וועגען פּאַרטיי פּראָגראַם און איהרע טעאָרעטישע פּרינצי-פּען האָט גאַפּאָן געהאַט אַ זעהר אויבערפלעכליכען בעגריף. אמת, אַז אין זיין צימער איז געלעגען אַ באַרג בראָשורען, וועלכע ער האָט זיך איינגעשאַפט אום צו בעקענען זיך מיט פּראָגראַם-פראַ-גען. אָבער ער האָט וואַרשיינליך קיין איינע פון זיי נישט דורכ-געלעזען. אַלענפאַלס, דאַן ווען איך האָב איהם געקענט איז ער נישט אומשטאַנד געווען צו קאָנצענטרירען זיינע געדאַנקען אויף אַדורכצולעזען אפילו אַ צייטונגס-אַרטיקעל. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זעהען, ווי נעהמענדיג זיך צו לעזען עפּעס אַנ׳אַרטיקעל האָט ער עס אַוועקגעוואָרפען ביי דער צעהנטער

שורה מיט די ווערטער:

—כ׳וועל עס שוין שפּעטער איבערלעזן!—אָדער דערצעהלט איהר מיר דעם אינהאַלט דערפון, דערצעהלט!

אויסערגעוועהנליך לייכט האָט ער אויפגעכאַפּט פרעמדע געדאַנקען און דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון יעדער ריכטונג. אויף אַזאַ אופן האָט ער שוין אַנ׳ערך איין מאָנאַט נאָך זיין קומען אין אויסלאַנד, פריי אָפּערירט מיט פּראָגראַמאַטישע און פּאָלעמישע טערמינען און אין געשפּרעך האָט ער געקענט מאַכען דעם איינדרוק פון אַ מענשען וואָס איז געניט אין אַלע פּאַרטיי-פּראָגראַמען און חלוקי-דעות. אין דער ווירקליכקייט האָט ער נישט נאָר גאָרנישט געוואוסט, נאָר ער האָט טיף אין דער נשמה זיך אפילו נישט אינטערעסירט מיט דעם אַלעם. ער האָט נישט געשטרעבט פונאַנדער צוקלויבען זיך אין פערשידענע פראַגען, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר איבריגע און נישט נויטיגע פאַר דער רעוואָלוציע.

—זיי זענען פערזייערט געוואָרען, זיי זענען פערזייערט אַלע היגע רעוואָלוציאָנערען מיט זייערע פּראָגראַמען, טעאָריעס און דיסקוסיעס!—פלעגט ער זאָגען. זיי זענען פולקאָם אָבגעריסען פון לעבען. זיי קענען נישט רוסלאַנד, נישט דאָס וואָס איז נויטיג, בעזונדערס—פערשטעהען זיי נישט, דעם אַרבייטס-מענש, כאָטש זיי ריידען פיל וועגען איהם.

שוין באַלד פון אָנפאַנג האָט זיך אין זיין ריידען געפיהלט אַנ׳אומ׳חן טאָן בנוגע די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. געפינענדיג זיך אָבער צווישען בלויז פּאַרטיי מענשען פלעגט ער עס מוזען פערשטיקען אין זיך—נאָר טיילמאָל פלעגט זיך דער אומ׳חן אַרויסווייזען אין אַ שאַרפער פאָרם.

כ׳געדענק, אַז איינמאָל איז געקומען צו רייד, וועגען דער ראָל פון די ס.-ד. אָרגאַניזאַציעס אינ׳ם צוגרייטען דעם אַרויסטריט פון 9-טען יאַנואַר. און עפּעס איינער האָט אין געשפּרעך, צי אין דרוק זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די ס.-ד. האָבען אָנגעפיהרט מיט די אַרבייטער-גרופּעס און אין די לעצטע טעג פאַר׳ן 9-טען יאַנואַר האָבען זיי שוין די גאַנצע בעוועגונג געהאַט אין זייערע

הענד. גאַפּאָן איז אויפגעקאָכט געוואָרען:

—יאָ איך האָב זיי געטריבען, האַלו און נאַקען האָב איך זיי געטריבען פון די גרופּעס!—האָט ער געשריען. זיי האָבען מיר נאָר געשטערט. זיי האָבען שיער נישט קאַליע געמאַכט דעם גאַנצען פּלאַן! די אַרבייטער מיינע האָבען זיי פּשוט נישט געליטען, זיי האָבען עטליכע מאָל געוואָלט שלאָגען די אומגעבעטענע פּראָפּאַגאַנדיסטען און איך האָב זיי געמוזט פערטיידיגען.

נישט פערשטעהענדיג די נויטיגקייט פון פּאַרטיי-פּראָגראַמען און פּאַרטיי דיסציפּלין, האַלטענדיג די טעטיגקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אַלס אַ שעדליכע פאַר די רעוואָלוציאָנערע צילען, האָט ער טיף געגלויבט נאָר אין זיך, ער איז פאַנאַטיש איבערצייגט געווען, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד מוז פאָרקומען אונטער זיין אָנפיהרונג, נאָך זיין קומען קיין אויסלאַנד, האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו נעהמען אין האַנד אַריין אַלע פּאַרטייען מיט זייערע אָרגאַניזאַציעס און פּאָזיציעס. אין דער ערשטער צייט האָט ער אַפילו נישט געצווייפעלט אַז מ׳וועט איהם אָהן שום טענות, אָנערקענען אַלס פיהרער פון דער רעוואָלוציע און אַלע פּאַרטייען וועלען בויגען פאַר איהם ווי פאַר אַ זיגער זייערע פאָהנען. ווען מען האָט איהם אָבער באַלד ביי די ערשטע טריט געשטעלט פראַגען וועגען טעאָריעס, פּראָגראַמען און חלוקי-דעות, האָט ער בעשלאָסען בייצוקומען די שטערונגען מיט דער הילף פון פּרימיטיוועד שלויקייט. פריהער האָט ער געפּרובט מסכים זיין מיט אַלע. די סאָציאַל-דעמאָקראַטען האָט ער געזאָגט, אַז ער איז איינשטימיג מיט זייער פּראָגראַם, די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערען ווידער, אַז ער איז פולקאָם מסכים מיט זיי. נאָכדעם, ווי דער מיטעל האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ פולקאָמענעם דורכפאַל, האָט ער בעשלאָסען צו דערגרייכען זיין ציל מיט אַנ׳אַנדערען וועג. ער האָט בעשלאָסען אויסצונוצען זיין אומגעהויערע פּאָפּולאַריטעט אין די פּאַרטיי קרייזען, אויף צו פעראייניגען אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין איין קאַמפּס-פעראיין פון וועלכען ער זאָל שטעהן אָן דער שפּיץ. אויסצופיהרען דעם דאָזיגען פּלאַן האָט ער זיך בעדנומען אין מיטען, אָדער אין ענדע מערץ.

# ה

נאָך מיינע ערשטע בעגעגענישען מיט איהם, האָט גאַפּאָן אָנגעהויבען אָפּט מיך צו בעזוכען. ער איז דאַן שטאַרק פערנומע געוועזען מיט׳ן צונויפשטעלען און קאָרעגירען זיינע „אויפרופען״ ער איז געווען אין אַ געהויבענער און לעבענסלוסטיגער שטימונג. ער האָט געהיימניספול אָנגעדייטעט, אַז ער גרייט צו ריזיגע פּלענער, אַז ער וועט אינגיכען דאַרפען „אַרויסטרעטען״ און האָט כסדר צוגעגעבען, אַז אַלץ „וועט גוט זיין״.

איינמאָל איז ער צו מיר געקומען מיט אַ געהיימניספולער מינע און מיר איבערגעגעבען, אַז ער האָט בעשלאָסען צונויפצורופען אַ קאָנפערענץ פון די פאָרשטעהער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, כדי צו פערשטענדיגען זיך וועגען אַ געמיינזאַמען אַרויסטריט.

—מ׳מוז זיי נעהמען פאַר די טשופּרינעס און צונויפרופען זיי, אַנדערש וועט מען צו קיין טאָלק נישט קומען! — האָט ער ערקלערט.

מיך האָט ער געבעטען איך זאָל אויף זיך נעהמען די סעקרעטאַרשאַפט פון צונויפרופען די קאָנפערענץ און פערנעהמען זיך מיט דעם אָרגאַניזירען זי.

איך האָב איהם געענטפערט, דאָס איך בעציה זיך סקעפּטיש צום ערפאָלג פון אַזאַ אונטערנעהמונג, אַז צוליב פּראָגראַם אונטערשידען וועט זיך, וואַרשיינליך, די קאָנפערענץ צופאַלען, נאָך איידער זי וועט קומען צו אַ וועלכען עס איז פּאָזיטיווען בעשלוס.

—איך וועל דאָס נישט דערלאָזען, כ׳וועל עס נישט דערלאָזען!—האָט ער זיך געהיצט.—איך וויל זיי זאָלען זיך פערשטענדיגען אין הינזיכט פון פּראַקטישען קאַמף. און זייערע דיסקוסיעס און אַרומרייסענישען דאַרף איך אויף כפּרות!

—מיר איז שוין פערמיאוסט דאָ צו זיצען,—האָט ער ווייּ-

טער געזאָגט.—מ׳דאַרף פאָהרען קיין רוסלאַנד! און פאָהרען אָהן אַ גרייטען פּלאַן קען איך נישט... איהר פערשטעהט? אַלעס מוז זיין צוגעגרייט, כּדי איך זאָל קומען צו דער לעצטער מינוט צום „אַרויסטריט"!... און אויב זיי וועלען נישט קומען צו קיין הסכּם, וועל איך אויף זיי אַ שפּיי טהון—און וועל אַליין נעמען אַרבייטען! איהר וועט שוין זעהן! איך דאַרף נאָר איין געשריי טהון— און טויזענדער אַרבּייטער, הונדערטער טויזענדער אַרבּייטער וועלען געהן נאָך מיר!

גאַפּאָן האָט זיך ענערגיש גענומען צונויפרופען די קאָנפערענץ. עס איז אויסגעאַרבּייט געוואָרען אַ טעקסט פון די איינלאַדונגען, וועלכע זענען צעשיקט געוואָרען אין די צענטראַל-קאָמיטעטען פון די פאָלגענדע פּאַרטייען: א) סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערען. ב) סאָציאַל-דעמאָקראַטען מענשעוויקעס (דאַן האָבּען זיי זיך גערופען „פּלעכאַנאָווצעס" אָדער „ווייכע") ג) סאָציאַל-דעמאָקראַטען באָלשעוויקעס („לענינ׳צעס" אָדער „האַרטע") ד) בּונד ה) פּ.-פּ.-ס. ו) פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען (פּ.ס.ד.) ז) לעטישע ס.-ד. ח) לעטישער ס.-ד.-פערבּאַנד. ט) ווייס-רוסישע גראָמאַדע. י) אַרמענישע ס.-ד. יא) אַרמענישע פעדעראַליסטען (דאַשנאַקצוטיון.) יב) פינלענדישע ס.-ד.-פּאַרטיי. יג) פינלענדישער „פערבּאַנד פון אַקטיווען קאַמף".

איינגיכען האָבּען זיך אָנגעהויבּען בּעקומען ענטפערס. כּמעט אַלע האָבּען אויסגעדריקט מיטגעפיהל מיט גאַפּאָנס איניציאַטיוו און האָבּען מסכּים געווען אָנטייל צו נעהמען אין דער קאָנפערענץ. פּריוואַט האָבּ איך געהערט, אַז די ס. ד. זענען זעהר נישט צופרידען געווען מיט דעם גאַנצען פּלאַן, נאָר גאַפּאָנ׳ס פּרעסטיזש איז אַזוי גרויס געווען, אַז אויסער די „פּלעכאַנאָווצעס" האָט זיך קיינער נישט ענטשלאָסען, אָבּצוזאָגען זיך פון דער קאָנפערענץ. די „פּלעכאַנאָווצעס" אָבּער, האָבּען זיך קאַטעגאָריש ענטזאַגט פון אָנטייל נעהמען, מאָטיווירענדיג זייער אָבּזאָג, גאַנץ אָפען דערמיט, וואָס לויט זייער מיינונג, דאַרף די איניציאַטיוו פון אַזאַ מין קאָנפערענץ געהערען „אַ מעהר קאָמפּעטענטערע און רעוואָלוציאָנער-ערפאַהרענע פּערזאָן, ווי גאַפּאָן איז". אויך די בּונדישע

אָרגאַניזאַציע האָט נזר מיט דעם בעדינג מסכּים געווען אָנטייל צו נעהמען, אַז אויף דער קאָנפערענץ זאָלען נישט בעהאַנדעלט ווערען קיין פּראָגראַם-פראַגען, נאָר אויסשליסליך טאַקטישע, ווע-גען קאָאָרדינירען די טעטיגקייט פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ-זאַציעס.

די ערשטע קאָנפערענץ-זיצונג האָט זיך געענדיגט מיט'ן אָבשפּאַלטען און אַוועקגעהן פון די ס. ד. אָרגאַניזאַציעס. נאָך איידער די קאָנפערענץ האָט זיך קאָנסטיטואירט האָט דער פאָר-שטהער פון בונד געשטעלט די פראַגע וועגען אָנטייל אויף דער קאָנפערענץ פונ'ם פאָרשטעהער פון „לעטישען ס. ד. פערבאנד", וועלכער איז לויט דער מיינונג פון בונד, נאָר אַ פיקטיווע אָר-גאַניזאַציע. דער בונדישער פערטרעטער איז אונטערשטיצט געווע-רען פון די באָלשעוויקעס און פון די פערטרעטער פון די ס. ד. אָרגאַניזאַציעס פון די גרענעץ לענדער. פאַר דעם „פערבאַנד" האָ-בען זיך איינגעשטעלט די פאָרשטעהער פון די ס. ר. און עטלי-כע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. מ'דאַרף בעמערקען, אַז כאָטש דער „פערבאַנד" האָט זיך גערופען סאָציאַל-דעמאָקראַטישער, איז ער פונ-דעסטוועגען, לויט זיין טאַקטיק און זיינע פערבינדונגען, געווען נעהנטער צו די ס. ר. און האָט געפיהרט אַנ'עקשנות'דיגען קאַמף מיט דער לעטישער ס. ד. פאַרטיי. דער פערטרעטער פון די לעצ-טע האָט מעהר פאַר אַליץ געפאָדערט דאָס אויסשליסען דעם „פער-באַנד" פון דער קאָנפערענץ. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער פערטרעטער פונ'ם פערבאַנד, ראָללאַ*) האָט געבראַכט פאַקטישע בע-ווייזען וועגען דער טעטיגקייט פונ'ם פערבאַנד און וועגען די אַרעסטען פון זיינע מיטגלידער, נישט קוקענדיג אויף דער פאַרטיידיגונג פון די ס. ר. און פון גאַפּאָנען—זענען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען געבליבען ביי ס'זייעריגע. ס'איז פאָר-

---

*) איינער פון די אַקטיוויסטע לעטישע רעוואָלוציאָנערען. אין 1906 י. איז ער אַרעסטירט געוואָרען און בעת'ן איבערשיקען איהם פון איין שטאָדט אין דער צווייטער איז ער דערשאָסען געוואָרען דורכ'ן קאָנוואָי. חי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, ביים פּרובען אַנטלויפען.

געקומען אַנ׳אונאַנגענעהמע סצענע, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט׳ן אַוועקגעהן פון די פאָרשטעהער פון די באָלשעװיקעס, בונד, לעטישע, אַרמעניש, פוילישע און, דוכט זיך, פינלענדישע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס.

גאַפּאָן, ווי אויך די איבערגעבליבענע פאָרשטעהער פון די אָרגאַניזאַציעס, האָבען אין דעם מאָטיוו וואָס די ס.-ד. האָבען אַרויסגעשטעלט, געזעהן נאָר אַ תירוץ אויף צו פערלאָזען די קאָנ-פערענץ, אין וועלכער זיי האָבען נישט געוואָלט קיין אָנטייל נע-מען, נאָר זיי האָבען נישט געהאַט לכתחילה דעם מוטה זיך אָב-צוזאָגען. גאַפּאָן איז אפילו געווען צופרידען מיט׳ן אַוועקגעהן פון די ס. ד.

—נו, מיט׳ן רעכטען פוס! מיר וועלען זיך אָהן זיי אויך בעגעהן!

די קאָנפערענץ אין וועלכער עס האָבען איצט אָנטייל גע-נומען, נאָר די אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבען זיך געהאַלטען ביי דער טאַקטיק און טיילוויז אפילו ביים פראָגראַם פון די ס. ר. איז איצט צוגעגאַנגען רוהיג און פרידליך. אויפ׳ן ערשטען פונקט איז געשטאַנען די פראַגע וועגען די נאַציאָנאַלע רעכט פון די גרענעץ לענדער. גאַפּאָן איז געווען אונצופרידען דערפון און האָט געפאָדערט מ׳זאָל גלייך איבערגעהן צו דעם פונקט וועגען טאַק-טישער פערשטענדיגונג. אָבער, ווען די פערטרעטער פון די גרע-נעץ-קאַנטען האָבען געמאָלדען, אַז אָהן אַ פערשטענדיגונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלען זיי נישט צוטרעטען צו דער פראַגע וועגען דער טאַקטישער פערשטענדיגונג, האָט גאַפּאָן זיך אונטער-געגעבען און האָט אפילו זיך בעטייליגט אין די דעבאַטען. דער-ביי איז פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער אינצידענט: נאָך די רעדעס פון פּ. פּ. ס. און די אַרמענישע פעדעראַליסטען וועגען דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, איז גאַפּאָן שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען און האָט געבעטען דאָס וואָרט. ווי אַלע זיינע רעדעס, האָט ער אָנגעהויבען זעהר נישט לאָגיש, האָט זיך געפּלאָנטערט, נישט געפונען קיין ווערטער, איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל אַלץ די אייגענע פראַזען. אין אָנהויב האָט קיינער נישט פערשטאַנען וואָס

ער וויל, אָבער מען האָט איהם מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט געהאָרכט. ענדליך איז קלאָר געוואָרען די סיבה פון זיין כעס: אויף דער קאָנפערענץ האָבען אַלע גערעדט וועגען די רעכט פון די גרענעץ-לענדער און וועגען די רעכט פון רוסלאַנד האָט קיינער נישט גערעדט. ס׳וועט זיך ענדיגען דערמיט, אַז זיי וועלען צורייסען רוסלאַנד אויף שטיקער. „אַלע זאָרגען נאָר פאַר זיך און וועגען רוסלאַנד טראַכט קיינער נישט!—האָט ער מיט אויפרעגונג גערעדט—מ׳דאַרף וועגען רוסלאַנד אויך אַ טראַכט טהון!“ אָבער דער פאָרשטעהער פון די ס. ר. אַנ׳עכטער גרויס-רוס, האָט איהם בערוהיגט, אַז קיינער קלויבט זיך נישט צו צערייסען רוסלאַנד און קיינער פערנעמט זיך נישט אויף איהרע נאַציאָנאַלע און אפילו סובערענע רעכט. די בעזונדערע נאַציאָנאַליטעטען שטרעבען נאָר, ווי ווייט מעגליך, צו פערהיטען זייערע נאַציאָנאַלע רעכט.

ווען מ׳איז נאָכ׳ן בעהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פראָגראַמען איבערגעגאַנגען צו דער טאַקטישער פערשטענדיגונג, איז דאַן די צענטראַלע פיגור געוואָרען דער פאָרשטעהער פון די ס, ר. מיט איהם האָט מען געפיהרט קאָנספיראַטיווע נעשפרעכען, פערשטענדיגט זיך און גאַפּאָן איז געבליבען אָן אַ זייט. בעמערקענדיג דאָס, האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד אויף דער קאָנפערענץ און איז אינגאַנצען אָבגעקיהלט געוואָרען צו איהר.

די קאָנפערענץ האָט, וואַהרשיינליך, איבערגעצייגט גאַפּאָנ׳ען, אַז עס וועט זיך איהם נישט איינגעבען צו פעראייניגען די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און צו שטעלען זיך ביי זיי אין דער שפּיץ. און ער האָט בעשלאָסען פּרובען אויף אַנ׳אַנדער אופן בעהערשען כאָטש בלויז די ס. ר. פּאַרטיי.

עטליכע וואָכען נאָך דער קאָנפערענץ, דעם 1-טען מאַי, האָט די אָרטיגע גרופּע ס. ר.׳ען איינגעאָרדענט אין איינעם פון די קאַפּעען אַ שטיקעל באַנקעט אויף וועלכען ס׳זענען זיך צונויפגעקומען אַ פערציג מאַן. גאַפּאָן איז אויך אָנוועזענד געווען. מ׳האָט געהאַלטען רעדעס, טאָסטען. גאַפּאָן האָט אויך עפּעס גערעדט. בעת׳ן באַנקעט האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר זיין כוס און מיט אַ געהיימניספול, צביעות׳דיג שמייכעלע, האָט ער פאָרגעלעגט:

—לאָמיר אויסטרינקען, פֿאַר אַ געוויסע זאַך!

—וואָס פאַר אַ זאַך?

—זעהר אַ וויכטיגע! זעהר און זעהר! איהר מעגט דרייסט דערפאַר אויסטרינקען!... האָט ער מיך אַלץ אינטריגירט.

—פאַר אַ נייעם חבר אין דער ס. ר. פּאַרטיי, האָט איינער, אַ פּאַרטיי מיטגליד וואָס איז געזעסען דערנעבען, אונטערגעזאָגט.

אויף גאַפּאָנס געזיכט האָט זיך בעוויזען אַ בעגייסטערט שמייכעלע.

נו, און איצט וועט איהר שוין טרינקען?!

—ווען זשע זענט איהר אַריינגעטרעטען אין דער פּאַרטיי—האָב איך זיך געוואונדערט.

—היינט, מיט עטליכע שעה צוריק! אַלזאָ, איצט לאָמיר אויסטרינקען!

—דערפאַר האָב איך קיין חשק נישט צו טרינקען, — האָב איך געענטפערט,—איהר ווייסט דאָך מיין מיינונג, אַז איהר דאַרפט נישט אַריינטרעטען אין קיין שום פּאַרטיי... איהר אַליין האָט דאָך אויך דאָס זעלבע שוין פיל מאָל געזאָגט.

—נו, ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט! ס'מוז אַזוי זיין, ס'מוז אַזוי זיין! איהר וועט שוין זעהן!—האָט ער מיר גיך געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך פערענטפערען. און גלייכצייטיג איז אין זיין שטים געווען דער טאָן פון אַ מענש וואָס ווייסט וואָס ער טהוט.

גאַפּאָן איז אָבער נישט לאַנג פערבליבען אין דער ס. ר. פּאַרטיי. שוין אין די ערשטע פּאָר טעג האָט ער געפאָדערט מען זאָל איהם אַרייננעהמען אין צ. ק. און איהם אָנפערטרויען אַלע קאָנספּיראַטיווע ענינים. מ'האָט איהם דערין אָבגעזאָגט, נאַטירליך אין אַ גאַנץ איידעלער פאָרם. ער האָט זיך אָבער שטאַרק איינגע'עקשנ'ט, נישט קענענדיג זיך איינגעוועהנען מיט'ן געדאַנק, אַז ער איז אַ געוועהנליכער פּאַרטיי-מיטגליד און איז נישט אין צ. ק. אַלס אָנפיהרער פון דער פּאַרטיי. געענדיגט האָט עס זיך מיט דעם, וואָס מ'האָט איהם גאַנץ אָפען געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער קען אַרויסטרעטען פון דער פּאַרטיי: „קענסט זיך פיהלען גאַנץ נישט געבונדען מיט דיין זיין אין דער פּאַרטיי

און טהון ווי דו פערשטעהסט״—האָט איהם דיפּלאָמאַטיש געזאָגט די ח—טע ב. וועלכע האָט מיט איהם אייגע׳טענה׳ עט און אויפ־גערעגט געווען פון זיינע פּרעטענזיעס. אָפיציעל איז ער פון זער פּאַרטיי, דוכט זיך, נישט אַרויסגעטרעטען, נאָר צווישען איהם און די פּאַרטיי-פאָרשטעהער איז אַ דורך אַ שוואַרצע קאַץ. כאָטש, אויסערליך, זענען די בעציהונגען ווייטער געבליבען „חבר׳שע״.

•

צו דערזעלבער צייט האָט זיך אין גאַנצען לעבען אַריינ־געריסען אַ נייער שטראָם, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פּאַר איהם. אין דער צייט, וואָס די פאָרשטעהער פון די רעוואָ־לוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, האָבען זיך שוין געהאַט ענטפּוישט אין גאַפּאָנ׳ען און טיילווייז, אויך איבערגעריסען מיט איהם די בע־ציהונגען, האָט די אייראָפּעאישע פּרעסע נאָך אַלץ זיך אינטערע־סירט מיט זיין פּערזאָן און אין די צייטונגען פון ביידע האַלבע ערד-קוגלען האָבען זיך געדרוקט וועגען איהם גרויסע און ס׳רוב אויך גאַנץ פאַנטאַסטישע אַרטיקלען, ערצעהלונגען און אינטער־וויוס. אויסער דעם האָט גאַפּאָן בעקומען פון די רוסישע עמיגראַנ־טען אין אַלע לענדער פערשידענע פּאָרשלאַגען פאַר גוטע האָנאָ־ראַרען, צו געבען זיין אונטערשריפט אונטער די בעשרייבונגען פון 9-טען יאַנואַר, אָדער זיין ביאָגראַפיע, אָדער אַנ׳אינטערוויו. גאַפּאָן האָט גערן אָנגענומען די אַלע פּאָרשלאַגען וועלכע האָבען איהם געגעבען אי מאַטעריעלע מיטלען און אי פּאָפּולער געמאַכט. אַביסעל אונבעקוועם איז איהם געווען פון דעם, וואָס ער בע־זיצט נישט די ליטעראַרישע פאָרם: ער האָט נישט געוואוסט, לויט זיין אויסדריק, „ווי מ׳דאַרף שרייבען״. עטליכע מאָל האָט ער מיר פּאָרגעלעגט צוזאַמען מיט איהם שרייבען זיינע זכרונות: ער וועט דערצעהלען די פאַקטען, ער וועט געבען דאָס רויהע מאַטעריאַל און איך זאָל עס ליטעראַריש בעאַרבייטען. צוליב איי־ניגע סיבות איז דער פּלאַן נישט צו שטאַנד געקומען.

אָבער גאַפּאָן איז שטאַרק בעגייסטערט געווען פון דעם פּלאַן און האָט דאָס אָבהענגיג געמאַכט פון זיינע איבעריגע רעוואָלוציאָנערע פלענער צוליב וועלכע עס איז איהם נויטיג געווען אַ ריזיגע סומע געלד. איינמאָל האָט ער זיך ערנסט געקליבען צו פאָהרען קיין אַמעריקע, וואוהין מ'האָט איהם, דוכט זיך, איינגעלאַדען און וואו ער האָט זיך גערייכט צונויפצונעמען שיער נישט הונדערטער טויזענדער אויף רעוואָלוציאָנערע צילען. פון דער נסיעה האָט איהם אייגענטליך אָבגעהאַלטען דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט קיין איין שפּראַך אויסער דער רוסישער. און די רוסישע אפילו האָט ער אויך נישט געקענט ריידען עפענטליך, פון דער עסטראַדע. אָבער ער האָט מאָטיווירט זיין אָבהאַלטען זיך דערמיט, וואָס ער וויל זיך נישט דערווייטערען פון רוסלאַנד, וואו זיין אָנוועזענהייט קאָן אַמאָל אומבעדינגט נויטיג זיין. און ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז אויך דער מאָטיוו האָט געשפּילט אַ ראָלע אין זיין אָבזאָגען זיך.

אומגעפעהר אינמיטען אַפּריל האָט גאַפּאָן בעקומען אַ פאָרשלאַג פון אַ גרויסען לאָנדאָנער פערלעגער אָנצושרייבען אַ בוך וועגען זיך, וועגען זיין טעטיגקייט און וועגען דעם מצב פון אַרבייטער־קלאַס אין רוסלאַנד. מ'האָט איהם פאָרגעלעגט אַ לעגענדאַר הויכען האָנאָראַר (קנאַפּע פערציג קאָפּ. פּ־ר אַ שורה. ס'בוך האָט געזאָלט אין אַ קורצע צייט פערטיג זיין. גאַפּאָן האָט אָבגעמאַכט מיט'ן עמיגראַנט ד. ס. (וועלכער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן) דורך ווערמען טאַקי, ער האָט בעקומען דעם פאָרשלאַג, יענער זאָל עס שרייבען לויט זיין ערצעהלונג דירעקט אויף ענגליש און ביסלעכווייז געבען אין דרוק. צוליב דעם איז בעסער געווען גאַפּאָן זאָל זיך געפינען אין לאָנדאָן. אין מאַי איז ער אַהין געפאָהרען מיט זיין פרוי, וועלכע איז נאָר וואָס געהאַט געקומען צו איהם פון רוסלאַנד.

אין לאָנדאָן איז גאַפּאָן אָבגעווען ביי אַ צוויי חדשים. ענדע יולי, אָדער אָנהויב אויגוסט, איז ער צוריקגעקומען קיין גענף.

מיר איז אויסגעקומען איינ־גע וואָכען צו זיין אין לאָנדאָן

צוזאַמען מיט גאַפּאָנען, צוליב פאָלגענדע סיבה:

ווי כ'האָב שוין דערמאָהנט, איז אויף דער קאָנפערענץ וועלכע גאַפּאָן האָט צונויפגערופען, דעבאַטירט געוואָרען וועגען די רעכט פון די בעזונדערע נאַציאָנאַליטעטען. צווישען די איבע-ריגע איז אויך געווען אויפ'ן טאָג-אָ־דנונג די יודישע פראַגע. כאָטש נאָכ'ן אַוועקגעהן פון בונדישען פאָרשטעהער איז אויף דער קאָנפערענץ שוין נישט געווען קיין אָפּ־ציעלער יודישער פאָרשטע-הער, פונדעסטוועגען איז איינער פון די דעלעגאַטען אַרויסגע-טרעטען מיט אַ פאָרשלאַג, אַז די קאָנפערענץ זאָל אַרויסזאָגען איהר שטעלונג צו דער פראַגע וועגען דער יודישער נאַציאָנאַ-לער אויטאָנאָמיע און אויף דעם גרונד אָננעהמען אַנ'ענדשפּרע-כענדע רעזאָלוציע. געגען בעהאַנדלען די פראַגע איז בעזונדערס שאַרף אַרויסגעטרעטען דער פאָרשטעהער פון פּ. פּ. ס. (אַ פּוי-לישער יוד) וועלכער האָט אויפגעוויזען, אַז דידאָזיגע פראַגע האָט נישט קיין ערנסטע בעדייטונג און אַז בכלל עקזיסטירט נישט קיין יודישע נאַציאָן. די פאָרשטעהער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבען גאָרנישט געגען בעהאַנדלען די פראַגע (אַ בעזונדערע סימ פּאַטיע צו דעם פאָרשלאַג האָט אַרויסגעוויזען דער פאָרשטעהער פון דער „ווייס-רוסישער גראָמאַדע", נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז קיינער איז נישט געהעריג צוגעגרייט צו דער עצם פראַגע און אויסער דעם איז די צייט געווען זעהר בעגרע-נעצט, האָט מען בעשלאָסען אָבצולעגען די פראַגע „ביז דער צווייטער קאָנפערענץ". אין די דעבאַטען האָט זיך גאַפּאָן אַריינגע-מישט און גאָר אומגעריכט איז ער אַרויסגעטרעטען אַלס הייסער פערטיידיגער פון דער יודישער בירגערליכער און נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג. דער אינהאַלט פון זיין רעדע איז געווען, אַז די יודען זענען אויך אַזאַ נאַציאָן ווי די פּאָליאַקען, אַרמענער, ליטווינער און אַנדערע און האָבען אויך אַ רעכט אויף נאַציאָנאַ-לער אויטאָנאָמיע. מ'ווייזט אָן דערויף, אַז יודען האָבען נישט קיין אייגענע טעריטאָריע, דערפון איז אָבער גערונגען, אַז מ'דאַרף זיי אין רוסלאַנד אָבגעבען אַ בעזונדערע טעריטאָריע.

אין אַ צייט אַרום, רעדענדיג מיט איינעם, אַ לידער פון דער יודישער טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי האָב איך איהם דער-צעהלט וועגען גאַפּאָנס רעדע.

— איהר ווייסט—האָט דער לעצטער צו מיר געזאָגט—נאָך אַזאַ מיטגעפיהל צו יודען פון גאַפּאָנס זייט, וואָלט מען איהם בעדאַרפען בעטען אָנשרייבען אַ בראָשור געגען די פּאָגראָמען. אַזאַ בראָשור מיט גאַפּאָנס אונטערשריפט וואָלט געהאַט די גרעס-טע ווירקונג אויף די אַרבייטער.

דאָס איז געווען קורץ נאָכ'ן זשיטאָמירער פּאָגראָם. עס זע-נען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז עס גרייט זיך אַ גאַנצע רייה פּאָגראָמען. מען האָט געשמועסט, אַז אין פּעטערבורג שטעדט זענען די פּאָגראָמען שוין אָרגאַניזירט, אַז זיי דאַרפען אויסברעכען אַלע אין איין טאָג. אין די יודישע קרייזען האָבען זיך געלאָזט הע-רען פּאָרוואורפען אויפ'ן אַדרעס פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַני-זאַציעס פאַרוואָס זיי דרוקען נישט קיין אויפרופען צו די אַרביי-טער און פּאָדערן נישט אויף צו פּערטיידיגען די יודען געגען די פּאָגראָמשטשיקעס, די איינציגע בראָשור אויף דעם געביט—(דוכט זיך אונטערן קעפּעל: „צי זענען אונז די יודען שונאים”?) איז גע-ווען אָנגעשריבען דורכ'ן טאַלענטירטען פּובליציסט נאַדיאָזשדין (פּסעוודאָנים), וועלכער האָט אָרגאַניזירט זיין אייגענע Quasi-סאָציאַל דעמאָקראַטישע גרופּע (געשטאָרבען אין 1906 יאָהר אין לאָזאַנא).

כ'האָב אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג פון טעריטאָריאַליסט און איבערגעשמועסט מיט גאַפּאָנ'ען וועגען אַ בראָשור. ער האָט גלייך געגעבען זיין הסכמה, אַרויסגעוויזען אַ פולע גרייטקייט. ווי שטעלט מען זיך נישט איין פאַר די יודען, ווען זיי האָבען אַזויפיל אויפ-געטהון פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט מיר געלאָזט הערען פיל קאָמפּלימענטען אויפ'ן אַדרעס פון די יודען.

אגב, וועגען די קאָמפּלימענטען מוז איך מאַכען אַ בעמער-קונג: אין דער צייט ווען פאַר מיר האָט ער די יודען געלויבט, האָט ער פאַר אַ צווייטען חבר זיך געקלאָגט:

—צופיל יודען אין דער רעוואָלוציע, צופיל יודען! זיי שטערען נאָר, מאַכען קאַליע די זאַך.

איך געדענק, מיך האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די דאָזיגע צווייפּנים׳דיגקייט זיינע. נאָר איצט, ווען איך טראַכט זיך אַריין אין זיין כאַראַקטער, קום איך צום בעשלוס, אַז דאָס איז נישט געווען קיין בעוואוסטזיניגע פאַלשקייט, ווייל גאַפּאָן האָט קיין בעשטימטע בעציהונג צו די יודען נישט געהאַט און בכלל האָבען איהם געפעהלט בעשטימטע מיינונגען און איבערצייגונגען. אַלץ איז געווען אָבהענגיג פון דער שטימונג, פון דער לעצטער בעגעגעניש, פון דער לעצטער פּאָליטישער קאָמבינאַציע. טרעפט ער אַ יוד וואָס געפעלט איהם, וואָס איז איהם נויטיג, ווערט ער אויף אַ געוויסע צייט אַן׳אמת׳ער יודענפריינד. דאָס אייגענע מיט רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען. זיין מיטגעפיהל מיט דער אָדער יענער פּאַרטיי, האָט זיך אויסגעוויקעלט, אַלעם ערשטען, פון זיינע פּערזענליכע בעציהונגען צו די לידערס פון די פּאַרטייען.

## ה

אַ צוזאָג אָנצושרייבען די בראָשור, האָט גאַפּאָן געגעבען גאַנץ ערנסט. ער האָט נאָר געצווייפעלט צי ער וועט קענען זי אָנשרייבען ווי געהעריג, מיך געבעטען איך זאָל זי רעדאַגירען און אויסבעסערען. ער האָט צוגעזאָגט אָנצושרייבען ווי אַמשנעלסטען, גלייך ווי ער וועט זיך איינאָרדענען אין לאָנדאָן, וואוהין ער האָט זיך געקליבען אַוועקצופאָהרען. ס״איז אָבער אַריבער אַ וואָך צוויי, און די בראָשור איז נישטאָ. איך האָב איהם דערמאָהנט. אַלס ענטפער אויף מיין בריף בעקום איך אַ דעפּעש (אין יענער צייט האַט ער ליב געהאַט צו דעפּעשירען): „קומט גלייך אין לאָנדאָן. זעהר נויטיג“. בין איך געפאָהרען.

אין לאָנדאָן האָט גאַפּאָן געוואוינט מיט דער פרוי זיינער. גאַנץ איינזאַם, אין אַ קליין בעשיידען דירה׳לע ביי ענגלענדער. ער האָט פלייסיג געאַרבייט, דיקטירענדיג ס—ן זיין בוך, אויף מיין פראַגע צוליב וואָס ער האָט מיך אַזוי אייליג אַרויסגערופען,

האָט ער פערשעמט געענטפערט, אַז ער וויל פערזענליך איבער-ריידען מיט מיר, וועגען דעם כאַראַקטער פון דער בראָשור. „אַז איהר וועט זיין דאָ, וועל איך זי געוויס אָנשרייבען״—האָט ער צוגעגעבען. פונדעסטוועגען האָט ער נישט געאיילט, אין אַ פינף זעקס טעג אַרום זאָגט ער צו מיר:

—איהר ווייסט, איך ׳פיהל אַז איך וועל נישט קענען די בראָשור אָנשרייבען. שרייבט איהר זי אָן, כ׳מיין מאַכט אַ שקיץ און איך וועל עס בעאַרבייטען און אונטערשרייבען.

דעם אמת זאָגענדיג, די מעשה האָט מיר אָנגעהויבען צו דערעסען. איך בין שוין גרייט געווען אַ מאַך צו טהון מיט דער האַנד. פונדעסטוועגען האָב איך נאָך געמאַכט אַ שקיץ און איבער-געגעבען גאַפּאָנען. ער האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט און געבליבען אונצופרידען.

—ס׳איז נאָך נישט דאָס, נישט אינגאַנצען דאָס וואָס מען דאַרף,—האָט ער געזאָגט.—מיט פויערים און אַרבייטער דאַרף מען אַנדערש ריידען, מיט אַנאַנדער טאָן, מיט אַנ׳אַנדער לשון. אַנ-דערע, גאַנץ אַנדערע סטרונעס דאַרף מען אָנריהרען. נו, נו, מיר וועלען נאָך זעהן. מאָרגען וועלען מיר ריידען, מאָרגען.

און אויף מאָרגען, אַז איך בין געקומען צו איהם, האָט ער צו מיין גרויס פערוואונדערונג, מיר דערלאַנגט אַ גרייטען מאַנו-סקריפּט?

—אָט האָב איך טאַקי אַליין אָנגעשריבען!—האָט ער אויס-געשריען צופרידען. אַ גאַנצע נאַכט געאַרבייט, ביז בעגינען. זעצט אייך און הערט!

ער האָט איבערגעלע׳עט. די בראָשור איז געווען אָנגעשרי-בען באמת קינסטלעריש, שטאַרק, אָריגינעל, אין דעם סטיל פון אַ קריסטליכער דרשה.

גאַפּאָן איז געווען זעהר צופרידען מיט דעם דאָזיגען ווערק. איינינע מאָל עס איבערגעאַרבייט, אויפמערקזאַם קאָרעגירט און אָבגעריסען צייט פון זיין הויפּטאַרבייט.

אום צו געבען אַ ווערכע ס׳איז פאָרשטעלונג וועגען דעם כאַ-ראַקטער פון דער בראָשור און בכלל, וועגען דער פען פון אויטאָר,

ברענג איך דאָ איינינע שורות פון דאָס לעצטע זייטעל:

„מענשען פּראַוואָסלאַוונע, ברידער שוועסטער מיינע האַרצי־גע! הערט אויס די ווערטער מיינע, די אמת׳דיגע, פון אייער אייגענער טובה וועגען. כ׳וועל אָנהויבען מיט אַ משל, מיט אַ געט־ליכען, מיט אַ הייליגען, מיט אַ משל פון קריסטוס דעם גואל, מיט אַ משל, דעם משל פון שומרון.״

אַזוי האָט זיך די בראָשור אָנגעהויבען און געענדיגט האָט זי זיך מיט אַזאַ בילד:

״און אָט ענטפּלעקט זיך פאַר מיין האַרציג אויג אַ בילד, גרויס און הערליך. גלייך ווי אַ פעלד מיט זאַנגען פול, מיט הע־לע זונענשטראַהלען בעגאָסען, שטעהט אַ פאָלק, די פּשוטע יודי־שע מאַסע, און יונג און אַלט און מאַן און פרוי און אַלע אויף די שפּוּעים פון באַרג אלון; און אויבען אויפ׳ן באַרג, שטעהט ער משיח בן דוד, קריסטוס אונזער געטליכער. און קוקען קוקט ער אויף זיין פאָלק מיט די נביא׳ישע אויגען זיינע. און אָט הױבען טרעהרען פון זיינע אויגען אַרויסגעזעצט, און בעגאָסען און בעפּייכט דאָס פּנים זיינס דאָס עניוה׳דיגס און אַרויסגעריסען האָבען זיך פון זיין האַרצען ווערטער, וואָס פון האַרצען דרינגען זיי אַרויס: „אָ, ווען איך זאָל קאָנען דיך צונויפזאַמלען מיין פאָלק, ווי אַ הוהן זאַמעלט צונויף איהרע הינדלעך, אונטער די פליגעלעך וואַרימע, אַז איך זאָל קאָנען דיך פּערהיטען פון אַ בייז אויג פון רויב פויגעל, פון בלינדע פּיהרער, געוועלטיגער דיינע, פון דיין שלים־שלימזל דיין בייזער שטיף־מאַמע! נאָר נישט געגעבען איז דאָס מיר פון גאָט מיין פאָטער.

„אַזוי האָט געזאָגט כריסטאָס אַ וואָך פאַר זיין פּטירה.

„רוסיש פאָלק, דו פאָלק פּראַוואָסלאַוונע, דו קריסטליך פאָלק ווי מיינסטו דו דען, ווען כריסטאָס דער אויסלייזער אונזערער, וואָלט אַראָבגענידערט אין זיין ערדיש געשטאַלט, אין אונזער רוסלאַנד דער הייליגער, וואָלט ער דען זיך נישט צעוויינט און נאָך ביטערער און נאָך אַ צווייט מאָל, צוזעהענדיג, ווי די פּיי׳ערסט זיין הייליגען יום טוב מיט גרויסע פּאָגראָמען איבער זיין בעליב־טען פאָלק, איבער דער יודישער אָרימקייט. בעדענק דיך און אַ

תשובה גיב נישט מיר נאָר זיך אַליין און אין דיין טיפסטען האַרץ״...

כ׳האָב גענומען די בראָשור און, צוריקקומענדיג אין געגנף, בין איך גלייך צוגעטרעטען זי אַרויסצוגעבען.

אַ דייטשער יוד, אַ מיליאָנער, וואָס איז טיף געווען איבער־ציַיגט אין דער מאַגישער ווירקונג פון גאַפּאָנס רייד אויף די רו־סישע מאַסען, האָט געגעבען דרייטויזענד פראַנק אויף דער אויס־גאַבע. און אַזוי האָט זיך בעקומען די מעגליכקייט אַרויסצוגעבען די בראָשור אין זיבעציג טויזענד עקזעמפּליאַרען. די פערשפּריי־טונג האָבען איבער־ גענומען אַלע אָרגאַניזאַציעס (די בראָשור איז געווען צוזאַמענגעשטעלט גאַנץ אומפּאַרטייאיש). פון די אָבגעדרוק־טע עקזעמפּליאַרען געדענק איך האָבען גענומען: די סאָציאַליס־טען-רעוואָלוציאָנערען — צוואַנציגטויזענד. בונד — פופצעהנטויזענד, מענשעוויקעס – צעהנטויזענד, ציוניסטען—פינפטויזענד. גאַפּאָן האָט פאַר זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע גענומען צעהנטויזענד. די באָל־שעוויקעס האָבען גאָרנישט גענומען. וואָס פאַר אַ טייל פון די זעכציגטויזענד עקזעמפּליאַרען איז אַריינגעדרונגען אין רוסלאַנד, איז שווער צו זאָגען.

ד

אין לאָנדאָן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט גאַפּאָן גע־לעבט זעהר איינזאַם, ער פלעגט זיך טרעפען נאָר מיט אייניגע עמיגראַנטען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט עפּעס קאָנספּיראַטיווע עסקים, און דורך זיי איז ער געווען פערבונדען מיטן צענטראַל קאָ־מיטעט פון די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען. די לאָנדאָנער עמי־גראַנטען האָבען זיך בעצויגען צו גאַפּאָנען מיט פיל מעהר צוטרוי און אַכטונג ווי די גענפער. זיי האָבען הויך אָבגעשאַצט זיין בע־דייטונג פאַר די רעוואָלוציאָנערע מאַסען־אַרויסטרעטונגען. אונטער דער ווירקונג פון אַזאַ צוטרוי, איז גאַפּאָן געווען רוהיגער, פלעגט אַרויסווייזען וועניגער פּאָליטיק־מאַכעריי און איבערשפּיצט־קייט. אין זיינע רייד וועגען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, איז

שוין נישט געווען אַזוי פיל גאַל און פערביטערונג.

ענדע יולי אָדער אָנהויב אויגוסט, ווען ער האָט געענדיגט זיין בוך, איז ער צוריקגעקומען אין גענף און ווידער אַריינגע-פאַלען אין ווירוואַר פון פאַרטייאישע רייבונגען. די בעציהונגען צווישען איהם מיט די ס. ער'ן זענען גענצליך קאַליע געוואָרען און ער האָט אָנגעהויבען פיבערהאַפט זיך צו וואַרפען פון איין אָרגאַניזאַציע צו דער אַנדערער, פון איין לידער צום צווייטען. ער האָט גלייכצייטיג געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט'ן „בונד", מיט די באָלשעוויקעס, מיט די מענשעוויקעס און מיט איינצעלנע פאָרשטעהער פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, ווי אויך מיט דער אָפּאָזיציאָנעלער פראַקציע פון די ס. ר. (די קינפטיגע מאַקסימאַליסטען מיט נאַדיאָזשדין, מאַטיושענקאָ) (דער וואָס פון „פאָטיאָמקין") א. א. וו. פון יעדען איינציגען האָט ער פערבאָר-גען אַז ער שטעהט אין בעציהונגען מיט אַלע אַנדערע, האָט גע-דרעהט, געקאָמבינירט, אלעמען אונטער די אויגען געזידעלט, מיט קיינעם זיך נישט צונויפגעגאַנגען, געגרינדעט זיין אייגענע אַר-בייטער פאַרטיי, און פיל גערעדט וועגען איהר. ער האָט אַרויס-געפאָדערט פון רוסלאַנד אַרבייטער, אַליין געפאָהרען אין רוסלאַנד, (כאָטש נישט דערפאָהרען) האָט זיך געקליבען אַרויסגעבען אַ צייט-טונג, וואו דער רעדאַקטאָר האָט געזאָלט זיין דער לאָנדאָנער ס. צווישען זיינע פערשידענע פאַנטאַסטישע פלענער, איז געווען אויך אַזאַ מין פלאַן: אַ צעהן צוואַנציג טויזענד אַרבייטער פערזאַמלען זיך איינאיינעם פון די האַפענס נעבען פעטערבורג און פערכאַפען איהם אין זייערע הענד. אין דערזעלבער צייט, פאָהרט צו גאַפאָן צו דעם דאָזיגען האַפען מיט אַ שיף געוועהר, די אַרבייטער בע-וואָפענען זיך און מיט איהם אָן דער שפיץ לאָזען זיי זיך אויף פעטערבורג.

די פיינדליכע בעציהונג צו די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, און הויפטזעכליך צו די „אינטעליגענטען", האָט זיך ביי גאַפאָנען אינגיכען פערשאַרפט ביז צו לעצט. ער האָט שוין אָפען ערקלערט אַ מלחמה די „אינטעליגענטען". ער פלעגט אָננעמען דעמאַגאָגישע מיטלען און ענטוויקעלט אַ טעאָריע, וואָס איז געווען ווי צוויי

טראָפּען וואַסער עהנליך צו דער „זובאַטאָווסטשינע".

אַנ'ערך אין מיטען אויגוסט בין איך אַוועקגעפאָרען פון גענף. איך בין צוריקגעקומען אַהין דעם 18'טען אָקטאָבער. אין דעם טאָג, ווען דאָ איז אָנגעקומען די ידיעה פון מאַניפעסט. ביי דער אַלגעמיינער שמחה זענען פערגעסען געוואָרען אַלע פּאַרטייאישע חשבונות און רייבונגען. געטראָפען האָב איך אין יענעם טאָג גאַפּאָנען אויף דער גאַס. איך האָב קוים בעוויזען צו ריידען מיט איהם עטליכע ווערטער, איהם האָט אויך פערכאַפּט די אַלגעמיינע שטימונג.

אויף מאָרגען אין אָוונד, שוין אין דער לעצטער אויס־גאַבע פון דער צייטונג „La Tribune de Geneve" איז געווען אָב־געדרוקט דער אויספיהרליכער טעקסט פון מאַניפעסט. אַ זייגער צוועלף ביינאַכט, ווען איך בין געקומען אין מיין האָטעל און זיך געלעגט שלאָפען, האָט מען נערוועז אָנגעקלאַפּט אין מיין טהיר. כ'האָב דערקענט גאַפּאָנס שטים:

—איהר שלאָפט נאָך נישט?

כ'האָב איהם געעפענט. ער איז אַריין שטאַרק אויפגערעגט און האָט מיר דערלאַנגט די צייטונג. ער האָט האַסטיג אַ זאָג געטהון:

—דאָ איז אַלץ אויספיהרליך! איהר האָט געלעזען? דער גאַנצער מאַניפעסט!

—געלעזען.

—אויב אַזוי, טאָ לעזט מיר איבער נאָכאַמאָל אויף רוסיש!

כ'האָב איהם ווערטליך איבערזעצט דעם מאַניפעסט און ער, האָט אויפגערודערט, און אַלץ איינאיינעם איבערגע'חזר'ט:

—נו, נו! יאָ, יאָ! ווייטער, ווייטער!

ווען איך האָב געענדיגט, האָט ער אַ ווײַלע שטום אַרום־געשפּאַנט איבערן צימער, זיך אָבגעשטעלט, מיר אַריינגעקוקט אין די אויגען און ענטשלאָסען געזאָגט:

—נו, מען דאַרף פאָהרען! מען דאַרף, מען דאַרף! אָבער תיכף! יאָ!

כ׳האָב איהם אָנגעקוקט און ביי מיר האָט זיך אַרויסגעריסען אַזאַ פראַגע:

—מיט וועמען זשע וועט איהר איצט צוזאַמענגעהן אין רוסלאַנד?

ער האָט אינגאַנצען אויפגעציטערט, זיין פנים האָט בעקומען אַ פאַלש געהיימניספולען אויסדרוק, די אויגען האָבען גענומען לויפען און ער האָט מיט אַ גאַליג געלעכטערל אַזוי געענטפערט:

—מיט וועמען? כ׳ווייס נישט, כ׳ווייס נישט. דאָרט אויפ׳ן אָרט וועלען מיר זעהן!... כ׳וועל פרובען געהן מיט גאָט, מיט גאָט... און אַז ס׳וועט נישט געלינגען מיט גאָט, וועל איך געהן מיט׳ן טייוועל. כע—כע,—מיט׳ן טייוועל!... אָבער צו דאָס מייניגע וועל איך זיך דערשלאָגען!

דאָס איז געווען מיין לעצט בעגעגעניש מיט גאַפּאָנען. די לעצטע שרעקליכע ווערטער, וועלכע איך האָב פון איהם געהערט.

## ז

גאַפּאָנס צווייפעלהאַפטע האַנדלונג נאָך זיין קומען קיין רוסלאַנד, ווי אויך זיין טראַגישער טויט, האָבען אַרומגערינגעלט זיין נאָמען מיט אַ שרעקליכע לעגענדע, מיט אַ קלעפּיקע, מיט אַ ברודיגע, אַזוי, אַז ס׳איז אַ מורא צו צוטרעטען צו דער דאָזיגער פערזענליכקייט. אָבער דעם קינפטיגען היסטאָריקער פון דער רוסישער געזעלשאַפטליכער בעוועגונג, וועט בעשטימט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, זיך אָבשטעלען פאַר דער דאָזיגער טראַגישער פיגור, וואָס די סטיכישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערוקט.

וועגען גאַפּאָנס טעטיגקייט אין רוסלאַנד, פאַר דעם 9-טען יאַנואַר און נאָכ׳ן 17-טען אָקטאָבער ווייס איך בלויז, פון די קלאַנגען וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר. אָבער די קלאַנגען זענען אַזעלכע אונדייטליכע, און געגענזעצליכע, אַז איך וואַג נישט צו ריידען וועגען זיי. איך וויל נאָר בעצייכענען אייניגע פון גאַפּאָנס כאַראַקטער

שטריכען, וועלכע האָבען זיך אַמ׳בולט׳סטען אַרויסגעוויזען פאַר דער צייט וואָס ער האָט פערבראַכט אין אויסלאַנד.

גאַפּאָן איז אָהן צווייפעל, אַ בעדייטענדע און אָריגינעלע פּערזענליכקייט. אַ שטאַרקער ווילען, אַ שטורעמדיגער טעמפּעראַמענט און אַ פאַנאַטיש גלויבען אין זיינע כּוחות און בערוף. ער איז געוועזען איינער פון יענע „העלדען״ וואָס זייער מאַגישע ווירקונג אויף די מאַסען פערבלייבט אַ רעטעניש פאַר זייטיגע בעאָבאַכטער. אַז גאַפּאָן האָט געהאַט אַ געוואַלדיגע ווירקונג אויף די אַרבייטער וואָס האָט נישט אויפגעהערט אפילו נאָך זיינע אַלע אונפּער־שטענדליכע געגנג ביי זיין צוריקקומען אין רוסלאַנד — אין דעם איז גאָר קיין צווייפעל נישט. מען איז איהם נאָכגעגאַנגען בלינד, נישט פרעגענדיג וואוהין. אויף זיין ערשטען רוף, זענען טויזענ־דער אַרבייטער גרייט געוועזען צו געהן אין פייער. און ער האָט דאָס געוואוסט, ער האָט עס געהאַלטען פאַר נאַטירליך און האָט געפּאָדערט, אַז די אינטעליגענץ זאָל זיך צו איהם אויך אַזוי בע־ציהען. און מערקווירדיג: איינינגע אינטעליגענטען, אַלטע עמיגראַנ־טען, אויסגעפּרובטע רעוואָלוציאָנערען, מענשען וואָס זענען אינ־גאַנצען נישט פעהיג צו סענטימענטען און דאָך, זענען זיי גענצ־ליך אַרונטערגעפאַלען אונטער זיין השפעה.

גאַפּאָן, נישט נאָר וואָס ער איז קיין רעדנער נישט גע־ווען, ער האָט ממש נישט געקענט קיין „צוויי ווערטער צוזאַ־מענבינדען״ ער פלעגט ריידען אָהן טאָלק, פלעגט זיך פיל מאָל איבער׳חזר׳ן און מעהרסטענטייל איז שווער געוועזען זיך פונאַנ־דערצוקלייבען וואָס ער וויל זאָגען. ווען ער פלעגט ריידען ווע־גען זאַכען, וועלכע זענען איהם נישט בעוואוסט, פלעגט זיך ערשט אַרויסווייזען זיין טיפסטע עם הארצות.

ער איז אַמאָל געקומען אויף אַ וועכענטליכער פערזאַמלונג פון אַ ס. ר׳ישען קרייז. געקומען פערשטעהט זיך אינקאָגניטאָ, אַזוי, אַז אינגאַנצען האָבען איהם געקענט אַ מאַן צעהן צווישען די 70—80 פערזאַמעלטע. מען האָט בעהאַנדעלט אַ קאָמפּליצירטע, פּראָגראַם־פראַגע. גאַפּאָן האָט זיך נישט איינגעהאַלטען. ער האָט גענומען דאָס וואָרט און אין משך פון אַ האַלבער שעה גערעדט

אַזעלכע נאַרישקייטען, אַז די, וועלכע האָבען איהם נישט גע-קענט, האָבען געצויגען מיט די אַקסלען און געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנער סוביעקט? עפּעס אַ נישט בעוואוסזיניגער אַרבייטער.

און דאָך האָט אין זיינע רייד געשטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געמאַכט אַ טיפען איינדרוק, וואָס האָט שטאַרק פער-אינטערעסירט. פון אונטער דער גאַנצער קופּע פערפּלאָנטערטע, אָפּטמאָל נאַרישע און מעהרסטענטייל, שאַבלאָנע פראַגען, פלעגט זיך סוף כל סוף אַרויסוויקלען עפּעס אַנ׳אייגענאַרטיגער, אָריגי-נעלער און טיפער געדאַנק,—אין זיין אַרט ריידען ווי אין זיין שריי-בען, איז געווען עפּעס שטאַרקעס, אייגענאַרטיגעס. צווישען פּוסטע פראַזען כּהוט אַ בליץ אַ גלענצענדער פערגלייך, קלינגט אַרויס אַ בעגייסטערט וואָרט, ברעכט אויס אַ מעכטיגער געסט—אין די גאַנצע אוידיטאָריע ווערט מיט אַמאָל ווי צוגעשמידט צום רעדנער. גאַפּאָנס עם הארצות איז געווען ממש קאָלאָסאַל. צייטענ-ווייז פלעגט ער מאַכען אַנ׳איינדרוק פון אַנ׳אַנאַלפאַבעט, אפילו דאָס וואָס ער האָט גוט געקאָנט, פלעגט ער אָפט פערגעסען, ווי אַנ׳-איבעריגע זאַך. און דאָך, ווען ער פלעגט דאַרפען, פלעגט איהם צו נוץ קומען זיין מערקווירדיגע אייגענשאַפט—כּמעט פון אַ האַל-בען וואָרט אויפצוכאַפּען פרעמדע געדאַנקען גאַנצע טעאָריעס, ריכ-טונגען א. אַז. וו. ער האָט אויך געהאַט די אייגענשאַפט שנעל זיך צו אָריענטירען אין יעדער נייער סביבה. אַזוי צום ביישפּיל איז ער געקומען קיין לאָנדאָן נישט קענענדיג קיין ענגליש, און בכלל קיין איינע פון די אייראָפּעאישע שפּראַכען. און דאָך האָט ער זיך גלייך געפיהלט ווי אינדערהיים. אַליין אַרומשפּאַצירט איבערן שטאָדט און געטראָפען שטענדיג וואו מען דאַרף. איינמאָל, גע-הענדיג מיט מיר איז ער פערגאַנגען אין אַ מאַגאַזין און גאָר זיך נישט שעמענדיג, אַ פאָדער געטהון אויף רוסיש: Дайте шашечную доску. (גיט מיט מיר אַ שאַך ברעט).

—וואָס רעדט איהר מיט זיי אויף רוסיש,—האָב איך זיך פער-וואונדערט.

—נישקשה, נישקשה, אַ געבילדעט פֿאָלק, זיי ווילען פֿערשטעהן.

ער האָט נאָך אַפּאָר מאָל איבערגע'חזר'ט די פּראַזע אויף רוסיש און בעוויזען מיט די הענד ווי אַזוי מ'שפּילט אין שאַך. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער קרעמער געבראַכט אַ שאַך־ברעט.

זיין אייגענליבע איז געווען געוואַלדיג. זיין פּערזענליכקייט האָט ער אַנדערש נישט געקאָנט פֿאָרשטעלען ווי אויפֿן ערשטען פּלאַץ אומעטום אויבנאָן. און נישט נאָר אין דער רעוואָלוציע. עמיצער האָט איהם אַמאָל אין שפּאַס געזאָגט: „אָט וואַרט צו, די רעוואָלוציע וועט זיגען וועט מען אייך מאַכען פֿאַר אַ מיטראָפּאָליט" (אויבערגייסטליכער). גאַפּאָן האָט רעטזעלהאַפט אַ שמייכעל געטהון און ערנסט געענטפערט: „וואָס מיינט איהר, וואָס מיינט איהר! וואַרט, וואַרט! לאָמיר נאָר זיגען, דאַן וועלען מיר שוין זעהן."

און צוזאַמען מיט דער אייגענליבע פֿון אַ גרויסער פּערזענליכקייט, איז ביי איהם געווען אַנ'אייגענליבע נישט קיין קליינליכע נאָר אַ קינדישע: ער האָט נישט געקאָנט פֿערבייגעהן אַ וויטרינע, נישט אַריינצוקוקען, צי מען האָט דאָרט נישט אַרויסגעשטעלט זיין פּאָרטרעט; ער האָט זיך געפֿעהרליך אינטערעסירט מיט דעם וואָס ווערט וועגען איהם געשריבען און גערעדט. און, בעמיהענדיג זיך צו פֿערבאָרגען די אמת'ע סבה פֿון זיין פֿעראינטערעסירונג, פֿלעגט ער נאַאיוו צוגעבען.

—דאָס איז גוט, דאָס איז גוט וואָס מען שרייבט וועגען מיר, דאָס איז זעהר וויכטיג פֿאַר דער זאַך, זאָל מען שרייבען.

## ח

איך ברענג דאָ אַנ'עפּיזאָד, וואָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר גאַפּאָנ'ס קינדערישע גענג:

דעם ערשטען מאַי איז פֿאָרגעקומען אַנ'אַרבייטער מיטינג. גאַפּאָנען האָט זיך פֿערגלוסט צו זיין אויפֿ'ן מיטינג. נאָר כּדי צו

פערהאַלטען זיין אינקאָגניטאָ און גלייכצייטיג נישט צו בלייבען אַליין, האָבען מיר זיך אָבגעשמועסט, אַז ער וועט די גאַנצע צייט זיין נעבען מיר, נאָר ער וועט זיך פערהאַלטען אַזוי ווי ער וואָלט מיך נישט געקאָנט. נאָכ׳ן מיטינג זאָלען מיר זיך אויפ׳ן גאַס צו-זאַמענטרעפען און איך וועל איהם בעגלייטען אַ היים. גאַפּאָן איז געקומען ווען דער מיטינג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבען. ער האָט מיך אויפגעזוכט און זיך אָבגעשטעלט נישט ווייט פון מיר. אַזוי ווי מיר האָבען זיך אָבגעשמועסט. ער האָט אָבער נישט לאַנג אויסגעהאַלטען די קאָנספּיראַציע. אין אַ פּאָר מינוט ארום איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און העפליך געבעטען פעררויכערן. נאָכדעם האָט ער מיר שטיל געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. און באַלד אינגאַנצען אַראָבגעוואָרפען די קאָנספּיראַציע און פערפיהרט מיט מיר אַנ׳אָפּענעם שמועס. אין זאַל האָב איך זיך געטראָפען מיט דריי סטודענטינס וואָס זענען געקומען פון בערן אויף אייניגע טעג אין גענף. ווען דער מיטינג האָט זיך געענדיגט, האָבען זיי מיך געבעטען איך זאָל זיי בעגלייטען ביז זייער האָטעל. גאַפּאָן האָט איינגעשטימט מיט צו געהן. אויפ׳ן וועג זענען מיר אַריין אין אַ קאַפּעע. איינע פון די סטודענטינס האָט געהאַלטען גאַפּאָנס בילד וואָס זי האָט געקויפט אויפ׳ן מיטינג. גאַפּאָן האָט דאָס בעמערקט און געפרעגט ביי איהר:

—ווער איז עס אויף דער קאַרטע?

—איהר ווייסט דען נישט? גאַפּאָן.

—אַ נו, לאָמיר אָנקוקען!

די סטודענטין האָט איהם דערלאַנגט די קאַרטע. ער האָט אָנגעהויבען זיך צו צוקוקען.

—ווי געפעלט אייך דאָס פּנים? מיר דוכט זיך נישט גאָר געהויבען, האַ?—האָט גאַפּאָן אַ פרעג געטהון.

—פערקעהרט, אַ גאַנץ פיין פּנים,—האָט געענטפערט די סטו-דענטין. ס׳איז איהר אפילו נישט איינגעפאַלען, אַז דאָס רעדט זי מיט גאַפּאָנען.

—און זיינע אויפרופען האָט איהר געלעזען?—האָט ווייטער גאַפּאָן געפרעגט,—ווי געפעלען אייך זיינע אויפרופען?

—צו וואָס דאַרפט איהר עס וויסען?

—ס'איז מיר אינטערעסאַנט, זעהר אינטערעסאַנט!

די סטודענטין האָט זיך צולאַכט.

—איך ווייס צוליב וואָס איהר פרעגט עס, איך ווייס און איך וועל נישט זאָגען.

גאַפּאָן האָט זיך אַביסעל פערלוירען. ער האָט געמיינט, אַז זיין אינקאָגניטאָ איז ענטדעקט.

—זאָגט, אדרבה.

—פון מיין בעציהונג צו זיינע אויפרופען ווילט איהר פעסטשטעלען צו בין איך אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטקע אָדער אַ סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערקע, און איך וועל נישט זאָגען!

אָט אַזוי האָט זיך געפיהרט דער געשפרעך, ביז מיר זענען אַרויס פון קאַפּעע, דאַן האָט זיך גאַפּאָן אַרויסגעכאַפּט מיט די ווערטער, אַז איך האָב נאָך פערשפּראָכען איהם צו בעגלייטען. די סטודענטינס זענען געוואָרען אויפגעבראַכט.

—פאַרוואָס זאָל מען אייך עפּעס בעגלייטען? וואָס זענט איהר אַ קליינינקער?

—איך פערשטעהט איהר מיך בין אַ פחדן, אַ געוואַלדיגער פחדן. איך האָב מורא צו געהן אַליין. אָט פרעגט סעמיאָן אָקימאָוויטשן*), ער וועט עדות זאָגען, אַז איך בין אַ פּחדן, — האָט ער אָנגעוויזען אויף מיר.

אויף מאָרגען האָב איך געפרעגט די סטודענטינס וואָס פאַר אַן'איינדרוק האָט אויף זיי געמאַכט דער הער וועלכער האָט מיט אונז פערבראַכט. זיי זענען געווען אין פערלעגענהייט. און ענדליך האָט איינע געזאָגט:

איהר ווייסט, ווען איך זאָל איהם נישם טרעפען מיט אייך, וואָלט איך איהם אָנגענומען פאַר אַ האַנדעלס-אָנגעשטעלטען. איך פערשטעה, ס'מוז זיין עפּעס אַן'אָנגעזעהענער עמיגראַנט, נאָר אַן'איינדרוק מאַכט ער פון זעהר נישט קיין אינטעליגענטען מענש.

גאַפּאָן האָט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט דעם איינדרוק

---

*) אַנ–סקי'ס רוסישער נאָמען און פּאַטער נאָמען.

וועלכען ער האָט געמאַכט אויף די סטודענטינס. אַז איך האָב איהם דערצעהלט, אַז זיי האָבען איהם אָנגענומען פאַר אַ האַנדעלס-אָנגעשטעלטען האָט ער ערנסט געזאָגט:

—איצט טאָר מען זיי נישט אויסזאָגען. אָבער אַז איך וועל אַוועקפאָהרען זאָלט איהר זיי זאָגען. איהר זאָלט זיי דורכאויס זאָגען ווער איך בין און איהר וועט זעהן וואָס זיי וועלען זאָגען.

צוליב מעהר עפעקט, האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זייערטוועגען דריי עקזעמפּליאַרען פון זיין בראָשור מיט אַנ'אייגענהענדיגער אונטערשריפט.

# ט

אַמטרויעריגסטען איז געווען דאָס, וואָס אין גאַפּאָנס כאַראַקטער האָט געשטעקט אַ פּיפּיקייט, אַ איבערשפּיצטקייט, דאָס איז געווען אַ בייזע און אַ פאַלשע איבערשפּיצטקייט און אין דער זעלבער צייט—נאַאיווּ לויט אַלע גענג. דאָס גאַנצע וועזען זיינס האָט די דאָזיגע איבערשפּיצטקייט דורכגעדרינגען, אין זיינע אויגען האָט זי זיך אָבגעשפּיגעלט, אין זיין אַרט ריידען האָט זי געשטעקט, ס'האָט זיך געלאָזט פּיהלען אין זיין געלעכטער, אין זיינע תּנועות, ס'האָט זיך געפּיהלט אַז דער מענש האַלט אַ שטיין אין בוזים, אַז שטענדיג טרייבט ער פּאָליטיק. ער האָט זיך נישט געשעמט, ווען ס'איז איהם נויטיג געווען, אָבצוזאָגען אַ גראָבען ליגען און האָט זיך נישט געמאַכט פון דעם, ווען מען פלעגט איהם כאַפּען ביי דער האַנד. אָט געדענק איך אַזאַ בילד: איינער, אַ סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, האָט איהם אויפגעוואָרפען אַז ער פּיהרט געהיימע אינטערהאַנדלונגען מיט לענינען.

—איך? איך האָב איהם אפילו פאַר די אויגען נישט געזעהן,—האָט אויסגעשריען גאַפּאָן.

—כ'האָב דאָך אַליין אָבער נעכטען געזעהן ווי לענין איז אַרויס פון אייער צימער,

גאַפּאָן האָט זיך צולאַכט, אַ פּאַטש געטהון יענעם ביי דער

קניה און פרעהליך אויסגעשריען:

—נו, נו! מילא, מילא! האָב איך זיך געזעהן מיט איהם, מסתמא איז עס נויטיג געווען.

מ׳קאָן נישט זאָגען אַז גאַפּאָן איז געווען אַ פּחדן. אָבער זיין שטורמישע דרייסטקייט פלעגט אויפוואַכען בלויז אין מאָמענטען פון גרויסען עקסטאַז. אין דער געוועהנליכער צייט,—כ׳וועל דאָס נישט אָנרופען פּחדנות,—נאָר עפּעס פלעגט איהם בעהערשען אַ נערוועזע מורא. ס׳איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער צו בעשליסען זיך צו פאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד און אויך דאַן, איז ער פריהער פערפאָהרען קיין פינלאַנד. מיר האָט דערצעהלט ס. (ביי וועלכען כ׳האָב זיך צום ערשטען מאָל בעקענט מיט גאַפּאָנען) אַז, זייענדיג אין פינלאַנד, איז ער געווען שטאַרק אונרוהיג און האָט אַלץ געפרעגט, וואָס ערוואַרט איהם אין רוסלאַנד אויב מען וועט איהם אַרעסטירען. אַז ער האָט זיך מיט דער פראַגע געווענדט צו ס.–ן, האָט יענער איהם פעסט אָבגעענטפערט:

—אַ שטריקעל, פּאָפּ! פערשפּאָרט צו צווייפלען! מען וועט אויפהענגען און גאָר!

די דאָזיגע תשובה,—דערצעהלט ס.—האָט געמאַכט אויף גאַפּאָנען אַ געוואַלדיגען רושם.

אינגיכען נאָך גאַפּאָנס טויט, האָט די פּרעסע אָנגעהויבען אויפצודעקען פיל שלעכטס פון זיין פּערזענליכען לעבען און שמועסען וועגען זיינע גרויסע געלד פערשווענדונגען; כ׳וועל מיך נישט אַריינלאָזען אין די אַלע חקירות, כ׳וועל נאָר בעמערקען, אַז פון קיין איינעם פון גאַפּאָנס געגנער, האָב איך נישט געהערט אַזוינס, וואָס זאָל גאַפּאָנען קאָמפּראָמיטירען אין בעצוג צו זיין פּערזענליכען לעבען. ער איז געווען אַ מוסטערהאַפטער פאַמיליען מענש. שוין ביי אונזער ערשטער בעקאַנטשאַפט האָט ער זיך בעקלאָגט פאַר מיר, אַז דער פּעטערבורגער-קאָמיטעט פון די ס. ר.׳ן, וואָס האָט צוגעזאָגט אַריבערצושיקען זיין ווייב אין אויסלאַנד, ערפילט נישט זיין הבטחה, נישט קוקענדיג אויף די פילמאָליגע בקשות, און צוגעשיקטע געלד. ער איז דעריבער זעהר אונרוהיג, וועגען זיין פרוי. און אַז זיין פרוי איז געקומען,

האָט ער זיך די גאַנצע צייט מיט איהר נישט געשיידט. אין געפנף און אין לאָנדאָן האָט ער געלעבט זעהר בעשיידען און, פלעגט ער אַמאָל אויסגעבען אַנ׳איבעריגען רובל, איז דאָס געווען נישט מעהר ווי אויף טעלעגראַמעס, האַלזטיכער און רייזעס מיט דער צווייטער קלאַס.

אויף וויפיל איך האָב בעמערקט, האָט גאַפּאָן צו געלד קיין שוואַכקייט נישט געהאַט. פערקעהרט, אין דער הינזיכט האָט זיך אַרויסגעוויזען זיין ברייטע נאַטור. האָט ער געהאַט געלד, פלעגט ער געבען נישט פרעגענדיג, ווער עס האָט נאָר געבעטען. די בראָשור וועגען פּאָגראָמען האָט ער געשריבען אָהן האָנאָראַר אין דער צייט ווען פאַר יעדען זיינס אַ בלעטעל פלעגט מען צאָהלען הונדערט פראַנק און פון אַלע זייטען האָט ער געהאַט פאָרשלאָגען צו שרייבען. נאָכמעהר: ווען די בראָשור איז געווען איבערזעצט אויף דייטש און אויף ענגליש, און מען האָט בעקומען פינפהונדערט פראַנק האָנאָראַר, האָט זיך גאַפּאָן פון דעם געלד אָבגעזאָגט לטובת די ווייטערדיגע אויסגאַבען פון דער בראָשור.

ווי גאַפּאָן זאָל זיך נישט האָבען אויפגעפיהרט פאַר דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען, איינס איז קלאָר: ס׳איז אַ בעדייטענדע פערזענליכקייט. לאָמיר וואַרטען אויפ׳ן אָביעקטיווען היסטאָריקער, וועלכער וועט אויסשעפּענד און אַלזייטיג בעלויכטען דעם כאַראַקטער און די טעטיגקייט פון דעם טראַגישען פאָרזאָגער פון דער טראַגישער רעוואָלוציע.

# דער ערשטער נישט־געלונגענער
# באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אַ נאָהענטער עדות פון די
ווילטיגסטע געשעהענישען, וועלכע האָבען געבראַכט צו דער
באָלשעוויסטישער איבערקעהרעניש אין רוסלאַנד. די ערשטע פון
די געשעהענישען איז געווען דער ג׳שט-געלונגענער אויפשטאַנד
דעם 3—4-טען (16—17-טען) יולי 1917.

פון אָנפאַנג דער ערשטער פעברואַר-ר׳עוואָלוציע, איבער-
הויפט, זינט עס האָבען זיך אומגעקעהרט פון אויסלאַנד לענין,
טראָצקי מיט זייערע חברים, האָט זיך ענטוויקעלט אַ געוואַלדי-
גע באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע, די אַרמעע איז געווען פער-
פלייצט מיט באָלשעוויסטישע צייטונגען, בראָשורען און אַגיטאַ-
ציאָנס-בלעטלעך. אין פעטערבורג זענען טעגליך פאָרגעקומען
אין די פאַבריקען, קאַזאַרמעס און אונטער׳ן פרייען הימעל
צעהנדליגער מיטינגען, אויף וועלכע עס האָבען געדונערט פלאַם-
פייערדיגע רעדעס אַנטקעגען קערענסקיס צייטווייליגער רעגירונג.
נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די גאַנצע איבריגע סאָציאַלי-
סטישע, און, פערשטעהט זיך, בורזשואַזע פרעסע, ווי אויך כמעט

די גאַנצע אינטעליגענץ, האָבען זיך אויפגעטראָגען מיט דער גרעסטער פּעראַכטונג צום באָלשעוויזם און שאַרף קריטיקירט איהם, איז די צאָהל פון זיינע אָנהענגער אין דער אַרמעע און צווישען די אַרבּייטער שטאַרק געוואַקסען. אָנהויב יולי האָבען זיך די באָלשעוויקעס שוין געפיהלט אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען זיך ענטשידען אויף אַנ׳אָפענעם אויפשטאַנד אַנטקעגען דער צייט-ווייליגער רעגירונג. מיט דעם ציל צו פערכאַפּען די מאַכט און איבערגעבען זי דעם אַרבייטער- און סאָלדאַטען-ראַט. דער אויפשטאַנד האָט זיך נישט איינגעגעבען, איבערהויפּט דערפאַר, ווייל אין אַרבייטער- און סאָלדאַטען-ראַט איז די מעהרהייט געווען אַנ׳אַנטי-באָלשעוויסטישע און האָט בשום-אופן נישט איינגעשטימט איבערצונעהמען די מאַכט.

דעם 2-טען (15-טען) יולי איז פאָרגעקומען אַ מיניסטאָרען-קריזיס. איבער דעם קאָנפליקט וועגען דער פרייהייט פון או-קראַאינאַ האָבען זיך אָנגעגעבען אין דימיסיע אַלע מיניסטאָרען פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי. דער קריזיס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע אויפרעגונג אין פעטערבורג. אויף מאָרגען, דעם 3-טען (16) יולי, האָבען זיך אין אָוועגד מיטאַמאָל אָנגעהויבען אַרומטראָגען איבער די גאַסען משא-אויטאָמאָבילען מיט בעוואָפענטע אַרביי-טער און סאָלדאַטען. פון די אויטאָמאָבילען האָבען אויף אַלע זייטען דראָהענד אַרויסגעקוקט קוילענוואַרפער. באַלד האָט זיך אָנגעהויבען הערען אַ שיסעריי. עס איז געוואָרען אַ פּאַניק, אַ מהומה. עס האָבען זיך אָבגעשטעלט די טראַמווייען, פערשוואונ-דען געוואָרען פון די גאַסען די עקיפּאַזשען. באַלד האָבען זיך בעוויזען בעוואָפענטע אָבטיילונגען פון מיליטער. זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין איינינע אַנשטאַלטען, אַרעסטירט די בעאַמטע. שפּעטער זענען סאָלדאַטישע אָבטיילונגען, צוזאַמען מיט בעוואָ-פענטע אַוועק צום טאַורישען פּאַלאַץ, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ פעראייניגטע זיצונג פון די אויספיהרונגס-קאָמיטעטען פון די אַרבייטער- און פויערים-ראַטען, צו בעטראַכטען דעם מיניסטאָ-רען-קריזיס. די בעוואָפענטע האָבען אַרומגערינגעלט דעם פּאַלאַץ

און געשיקט די ראַטען אַ פֿאָדערונג, זיי זאָלען איבערנעהמען די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענד.

קיינער האָט נישט געוואוסט אויף קלאָר, וואָס עס קומט פאָר. פאַר דער רעגירונג, ווי פאַר די אָנפיהרער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז דער אַרויסטריט געווען אומגעריכט, ווי פאַר דעם פּובליקום. עס האָבען נישט אויפגעהערט צו קלינגען די טעלעפאָנען, מען האָט זיך געוואָרפען אין אַלערליי רעגירונגס-אַנשטאַלטען צו דערגעהן, וואָס קומט פאָר,—אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט געבען קיין גענויען ענטפער. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געדויערט די מהומה און די שיסעריי.

אויף מאָרגען פריה איז געווען שטיל און רוהיג. מען האָט גערעכענט, אַז אַלץ האָט זיך געענדיגט. אַרום צעהן אַ זייגער האָבען זיך ווייטער בעוויזען די בעוואָפענטע אויטאָמאָבילען און אָנגעהויבען האָט זיך אַ שיסעריי, נאָך אַ שטאַרקערע, ווי פאָריגען אָוונד. נישט קוקענדיג אויף דעם שטרענגען פערבאָט פון בעוואָפענטע אַרויסטרעטען, האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען איבער די גאַסען דעמאָנסטראַציעס פון בעוואָפענטע סאָלדאַטען און אַרבייטער מיט פּלאַקאַטען און אויפשריפטען: „נידער מיט די צעהן מיניסטאָרען-קאַפּיטאַליסטען!" „די גאַנצע מאַכט צו די אַרבייטער- און סאָלדאַטען-ראַטען!" „אַ קאָנטראָל איבער די לעבענס-מיטלען!" און אַז. וו.

צו האַלבען טאָג זענען אָנגעקומען פון קראָנשטאַדט מאַטראָזען מיט סאָלדאַטען, בעוואָפענטע, אויפגערעגטע, און זענען אַוועק צום טאַווורישען פּאַלאַץ.

די באָלשעוויסטישע אָנפיהרער, צו וועלכע מען האָט זיך געוועגדט, האָבען געענטפערט, אַז זיי האָבען קיין שייכות נישט צום אַרויסטריט. אין דערזעלבער צייט איז אַרום קשעשינסקאַ׳ס פּאַלאַץ, וואו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון די באָלשעוויקעס, געשטאַנען אַנ׳עולם פון צעהן טויזענד מענשען, אַ ים קעפּ, אַ וואַלד פון ביקסען און שפּיזען, און לענין האָט פון דעם גאַניק אין אַ הייסער רעדע, אונטער שטורמישע אויסבע-

שרייען, גערופען אַלעמען פעראייניגען זיך און אַראָבוואַרפען די בורזשואַזע רעגירונג.

איך בין אַוועק אין קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָציאַ-ליסטען-רעוואָלוציאָנערען, וועלכער האָט זיך געפונען אין פּאַלאַץ פון געוועזענעם גרויספירשט אַנדריי וולאַדימיראָוויטש, ביי דער נעווא. דאָרט האָט איך געוואוינט דער לידער פון די סאָציאַ-ליסטען-רעוואָלוציאָנערען, וויקטאָר טשערנאָוו, אַגראַר-מיניסטער אין קערענסקי'ס קאַבינעט. אין קאָמיטעט האָב איך געטראָפען אַ שרעקליכע צורודערונג. מען האָט מיר מיטגעטיילט, אַז עס קומט-פאָר אַ פאָרמעלער באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד; אַז בע-וואָפּענטע מאַטראָזען און אַרבייטער האָבען אַרומגערינגעלט דעם טאַורישען פּאַלאַץ, וואו עס קומען פאָר די זיצונגען פון אַר-ביימער- און סאָלדאַטען-ראַט, און וואו עס געפינען זיך איצט כמעט אַלע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען, אויך טשערנאָוו צווישען זיי. טשערנאָוו האָט טעלעפאָנירט, אַז די לאַגע איז זעהר ערנסט. די האַלטונג פון די מאַטראָזען איז אַ דראָהענדע. יעדע מינוט קאָנען זיי זיך אַריינרייסען אין פּאַלאַץ און אַלעמען אַרעסטירען. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל וואָס גיכער ברענ-גען צום טאַורישען פּאַלאַץ זיכערע מיליטער-אָבטיילונגען. אויך האָט ער געבעטען, מען זאָל פון קאָמיטעט קומען אַהין.

עטליכע אָנגעזעהענע אַגיטאַטאָרען זענען אַוועק איבער די קאַזאַרמעס, נאָר זיי האָבען קיין ערפאָלג נישט געהאַט. די סאָל-דאַטען פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן זענען מעהרסטענטייל געווען פאַר די באָלשעוויקעס. אפילו די, וואָס זענען נישט געווען איינשטימיג מיט זיי, האָבען אויך נישט אַרויסגעוויזען קיין שום ווילען אַרויסצוטרעטען געגען די מאַטראָזען. אָבגערופען, אי דאָס פיל שפּעטער, האָבען זיך נאָר קאָזאַקען, און, דוכט זיך, איין מיליטערישער פּאָלק.

איך מיט נאָך צוויי מיטגלידער פון פּעטערבורגער קאָמי-טעט זענען אַוועק צום טאַורישען פּאַלאַץ. דאָס איז געווען זעהר ווייט. איבער דער שיסעניש האָט מען נישט געטראָפען קיין

עקיפּאַזש. די, וואָס האָבען זיך אונז בעגעגענט, האָבען נישט געוואָלט פאָהרען צום טאַורישען פּאַלאַץ.

—דאָס לעבען איז אונז טייערער,—האָבען זיי געענטפערט.

ענדליך האָט איינער איינגעשטימט צו פאָהרען פאַר פינפ-אונצוואַנציג רובל (דעמאָלט אַן׳אונערהערטער פּרייז). דעם גאַנ-צען וועג האָט ער גע׳צלמ׳ט דאָס פערד, ס׳זאָל איהם נישט טרעפען קיין קויל.

—פאַרוואָס צלמ׳סט דו זיך נישט? אַ קויל קאָן דאָך דיך אויך טרעפען.—האָב איך איהם געפרעגט.

—איך האָב קיין מורא נישט, איך בין געווען אויף דער מלחמה—האָט ער מיר געענטפערט.

דער טאַורישער פּאַלאַץ איז געווען אַרומגערינגעלט מיט בעוואָפענטע מאַטראָזען און אַרבייטער. אין הויף, אַנטקעגען אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ האַרמאַט. אין אַלע ווינקלען זענען געשטאַנען קוילענוואַרפער. אין צוויי-דריי ערטער האָבען גע-האַלטען אַגיטאַציע-רעדעס באָלשעוויקעס. די שטימונג איז געווען זעהר אַנ׳אָנגעשטרענגטע.

מיר זענען אַריין אין פּאַלאַץ (אַריינגעלאָזט האָט מען אַהין אַלעמען, נאָר קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט). אין גרויסען זיצונגס-זאַל האָט זיך געפונען דער גאַנצער אַרבייטער- און סאָלדאַטען-ראַט, מיט דעם פּאָרזיצענדען טשכעאידזע בראש. פון די מיניסטאָרען-סאָציאַליסטען האָבען זיך דאָרט געפונען טשער-נאָוו, צערעטעלי, סקאָבעלעוו און, דוכט זיך, אַווקסענטיעוו. פון די סאָציאַליסטישע אָנפיהרער—מאַרטאָוו, דאַן, ליבער, גאָץ. דאָ האָבען זיך אויך געפונען די באָלשעוויסטישע פיהרער טראָצקי און אַנדערע. עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון ראַט וועגען דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפען. עס זענען אַרויסגעטראָטען אָנגעקומענע פון שטאָדט מיטגלידער פון ראַט מיט בעריכטען וועגען דער שטימונג אין די קאַזאַרמעס און אויף די פאַבריקען. די בעריכטען זענען מעהרסטענטייל געווען אָפּטימיסטישע, נאָר זיי האָבען קיינעם נישט בערוהיגט. די מיניסטאָרען און פאַרטיי-אָנפיהרער האָבען זיך געפונען אין דער גרעסטער פערלעגענ-

הייט. די מאַטראָזען האָבּען ווידער געשיקט דעם ראַט אַנ׳אולטימאַטיווע פאָדערונג, ער זאָל גלייך איבּערנעהמען די מאַכט און פּראָקלאַמירען זיך ווי אַ רעגירונג. דער ראַט האָט אָבּגעוואָרפען די פאָדערונג, און קיינער האָט נישט געוואוסט, ווי די מאַטראָזען וועלען אויף איהם רעאַגירען.

עס זענען אַריין עטליכע אַרבּייטער און געבּעטען טשערנאָוו׳ן אַרויסגעהן און ווענדען זיך צו די מאַטראָזען מיט אַ רעדע, בּערוהיגען זיי. טשערנאָוו׳ס פריינד האָבּען חושד געווען, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע. פונדעסטוועגען איז ער אַרויסגעגאַנגען. איך האָבּ איהם בּעגלייט. טשערנאָוו האָט זיך אַרויפגעקליבּען אויף אַ טומבּע בּיי די בּרייטע גאַניק-טרעפּ און גענומען ריידען. זיין רעדע איז געווען נישט קיין מוטיגע און נישט קיין געלונגענע. ער האָט געוואָלט אָבּשטעלען זיך אויף די קאַדעטען, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטען פון מיניסטעריום, און האָט געשאָטען אויף זיי פעך און שוועבּעל, נאָר דאָס האָט אויף די מאַטראָזען קיין איינדרוק נישט געמאַכט. זיי האָבּען איהם צוגעהערט אָהן [illegible]רוי, פּער[illegible]כטיג, און בּאַלד גענומען איבּעררייסען מיט פיינדליכע אויסגעשרייען: „בּעזוכט איהם! ער מוז האָבּען בּיי זיך געוועהר!“—האָט אויסגעשריען אויפגערעגט אַ מאַטראָז. איינער פון די אַגיטאַטאָרען האָט איהם אַ וואָרף געטהון די פראַגע: „פּאַרוואָס-זשע זענט איהר פערבּליבּען אין מיניסטעריום מיט די קאַדעטען?“—„ווייל דער אַרבּייטער-ראַט האָט מיך אַהין געשיקט“,—האָט אָבּגעענטפערט טשערנאָוו. ענדליך האָט ער געמווט אונטער׳ן ליאַרם פון די מאַטראָזען איבּעררייסען זיין רעדע. גלייך נאָך איהם איז אויף דער טומבּע אַרויפגעשפּרונגען טראָצקי, און אָנגעהויבּען וואַרפען די שווערסטע בּעשולדיגונגען געגען דער צייטווייליגער רעגירונג און געגען טשערנאָוו׳ן בּפרט.

איך בּין געשטאַנען בּיי דער טומבּע, פון וואַנען טראָצקי האָט גערעדט. מיט אַמאָל דערהער איך הינטער זיך אַ רעש. איך קוק זיך אום—צוויי שרעקליך-אויפגערעגטע מאַטראָזען שלעפּען פאַר די הענד טשערנאָוו׳ן. דאָס העמד אויף דער בּרוסט איז בּיי איהם צוריסען. ער איז בּלייך ווי קאַלך, קוקט זיך אום

מיט אַ מטושטוש'ן בליק, ווי ער וואָלט זוכֿען הילף. איך האָב אָנגעכֿאַפּט איינעם פון די מאַטראָזען ביי דער האַנד און געפּאָדערט, ער זאָל פריי לאָזען טשערנאָוו'ן. אין דעמזעלבען מאָמענט האָט הינטער מיר אַ מאַטראָז אָנגעכֿאַפּט מיך פאַר'ן קאַרק, אָבגעשלעפּט אָן אַ זייט און אויסגעשריען:

—ווער ביזטו? אויך אַ מיניסטער? אַ בורזשוי?

איך האָב איהם בעוויזען מיין לעגיטימאַציע. ער האָט לאַנג, נישט אָבלאָזענדיג מיין קאָלנער, געקוקט אין פּאַפּיר און אָנגעלאָזט מיך. דערווייל האָט מען טשערנאָוו'ן אָבגעפיהרט אין מיטען הויף און אַריינגעזעצט אין אַנ'אויטאָמאָביל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. איך בין אַוועק אין פּאַלאַץ אָנזאָגען, אַז טשערנאָוו איז אַרעסטירט. אין טהיר האָב איך זיך צוזאַמענגעשטויכען מיט ריאַזאַנאָוו'ן, סטעקלאָוו'ן און ספּיר דאָנאָוואַ. זיי זענען געווען צורודערט, דערשראָקען. ריאַזאַנאָוו האָט אויפגערעגט אויסגעשריען צו מיר:

—טשערנאָוו'ן אַרעסטירט? וואָס פאַר אַ נבלה!

און האָבען זיך אַ לאָז געטהון צום אויטאָמאָביל. באַלד איז פאַרביי מיר דורכֿגעלאָפען אַהין טראָצקי, אויך אַ צורודערטער. אין אַ רגע אַרום האָט זיך דערהערט זיין הילכֿיגער, אַ ביסעל קוויטשענדיגער אויסגעשריי:

—מאַטראָזען! שענהייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע! זייט איהר דען געקומען אַהער צו בעגעהן גוואַלדטהאַטען? איך בין זיכֿער, אַז איהר זענט נישט פעהיג אויף דעם! (קולות: „ניין! ניין!”) האָט איהר צוטרוי צו מיר? (קולות: „יאָ! יאָ!”) אויב אַזוי, פאָדער איך, אַז איהר זאָלט מיר אַרויסגעבען דעם פאָרשטעהער פון די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען! איך נעהם איהם אויף מיין פעראַנטוואָרטליכֿקייט.

און גלייך איז ער צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל, אָנגענומען טשערנאָוו'ן פאַר דער האַנד און אַ ביסעל טעאַטראַליש געזאָגט: „חבר טשערנאָוו, איהר זענט פריי!”, דורכֿגעפיהרט איהם דורך די מאַטראָזען און אָבגעפיהרט אין פּאַלאַץ.

אויף דעמזעלבען אופן ווי טשערנאָוו'ן האָט מען געוואָלט

אַרויסרופֿען און אַרעסטירען צרעטעלי'ן. עס האָט זיך אַרויס־געוויזען, אַז די פֿאָריגע נאַכט איז געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב צו אַרעסטירען קערענסקי'ן אין פּאַלאַץ.

נאָך דעם אינצידענט מיט טשערנאָוו'ן איז די שטימונג געוואָרען נאָך מעהר אָנגעשטרענגט. טשערנאָוו און סקאָבעלעוו, איבערגעקליידעט ווי אַרבייטער, האָבען זיך דורך הינטער־טירען און דורכ'ן גאָרטען אַרויסגע'גנב'עט פֿון פּאַלאַץ. בלויז צום אָוונד איז אָנגעקומען אַ מיליטערישע אָבטיילונג (דוכט זיך, דער כעמיאָנאָווער פּאָלק) און אַ''עסקאַדראָן קאָזאַקען און מיט איין זאַלפּ אין דער לופֿטען אָבגערייניגט דעם הויף. נאָר אין די גאַסען זענען נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען צוזאַ־מענשטויסען. עס זענען געווען פּופּצעהן גע'הרג'עטע און איבער זעכציג פֿערוואונדעטע.

אַז איך בין געגאַנגען פֿון פּאַלאַץ אַרום אַכט אָוונד, האָט זיך געהערט אַרום אַ שיסעריי און איך האָב בעגעגענט צוויי מאַ־טראָזען, וועלכע האָבען געפֿיהרט אַ בלייכען אויף טויט־דער־שראָקענעם קאָזאַק, צושטעלענדיג איהם אַלע ווייַלע אַ רעוואָל־ווער צו דער ברוסט.

באַלד נאָך טשערנאָווס בעפֿרייען האָט מיר איינער פֿון ס.־ר.'ישען קאָמיטעט מיטגעטיילט בסוד, אַז עס זענען שוין דאָ דאָקומענטען, וואָס בעשטעטיגען, אַז לענין, טראָצקי און אַנדע־רע באָלשעוויקעס האָבען בעקומען פֿון דער דייטשער רעגירונג 1½ מיליאָן (שפּעטער האָט מען גערעדט וועגען זעקס מיליאָן).

אויף מאָרגען האָט מען אַרעסטירט טראָצקי'ן און נאָך עטליכע באָלשעוויסטישע פֿיהרער (לענין האָט זיך בעהאַלטען). דער יוסטיץ־מיניסטער פּערעווערזעוו האָט פֿערפֿיהרט געגען זיי אַ פּראָצעס איבער פֿערראַט און צוגרייטען אַנ'אויפשטאַנד. די דאָקומענטען, וועלכע זענען געווען פֿערעפֿענטליכט, האָבען זיך אַרויסגעוויזען טיילוויז נישט־וויכטיגע, טיילוויז גראָב־פֿאַלסיפֿי־צירטע. אַזוי ווי פּערעווערזעוו האָט זיי פֿערעפֿענטליכט אָהן דער הסכמה פֿון מיניסטאָרען־ראַט האָט ער זיך געמוזט אָנגעבען אין דימיסיע.

# קערענסקים אפּענסיווע

דער נישט-געלונגענער באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד פון 5—6-טען יולי האָט אַרויספיהרט די צייטווי־ליגע רעגירונג פון איהר לעטאַרגישען צושטאַנד און זי האָט אָנגעהויבען אַרויסצע-ווייזען סימנים פון ענערגיע. עס זענען געווען אַרעסטירט די אָנגעזעהענסטע באָלשעוויסטישע פיהרער חוץ לעניג׳ען, וועלכער האָט זיך בעהאַלטען, ווי מען האָט געזאָגט, אויף דער קרייצער-שיף „אַווראַראַ"*). עס זענען געווען פערמאַכט אַלע באָלשעוויס-טישע צייטונגען, אָבגערייניגט זייערע קלובען און פערוועהרט זייערע מיטינגען. און גלייך איז אין פעטערבורג געוואָרן גאָר אַנ׳אַנדער שטימונג. אין די פאַבריקען און זאַוואָדען האָט מען

*) עס איז געווען פערשפרייט אַ לעגענדע, אַז לענין האָט די גאַנצע צייט זיך געהאַלטען אין ווינטער־פאַלאַץ ביי... קערענסקי׳ן, וועלכער האָט ריטעריש איהם נישט אַרויסגעגעבען. שפּעטער, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ווען קערענסקי איז אַנטלאָפען, האָט מען אין פאָלק גערעדט, אַז ער זיצט בעהאַלטען ביי לעניג׳ען!

אָנגעהויבען פערפאָלגען די בּאָלשעוויקעס, אָפּטמאָל אפילו שלאָגען זיי. אויף די גאַסען-מיטינגען איז געווען געפעהרליך אויסצודריקען סימפּאַטיע צום באָלשעוויזם. די בּירגערליכע צייטונגען האָבען געפאָדערט, מען זאָל עוקר מן השורש זיין דעם באָלשעוויזם. איבערהויפּט האָבען וועגען דעם געשריבען פייערדיגע אַרטיקלען די זשורנאַליסטען דאַן, זאַסלאַווסקי (האָמאָנקולוס) און אייזמאַן. דער לעצטער האָט איין אַרטיקעל אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „טרעט אָן מיט'ן אָבצאַס אויפ'ן פאַרכעוואַטען לייזיגען קאָפּ פון באָלשעוויזם!" די ערשטע צייט האָט זיך געדוכט, אַז דער באָלשעוויזם האָט זיך אַזוי שטאַרק קאָמפּראָמיטירט מיט זיין אַרויסטריט, אַז ער איז אינגאַנצען אַראָב פון דער סצענע.

די רעגירונג האָט אין דער צייט בּעשטימט אָנצוהויבען אַנ'אָפּענסיווע אויפ'ן פראָנט. חוץ דעם, וואָס די פערבּינדעטע מלוכות האָבען נישט אויפגעהערט ענערגיש צו פאָדערן אַנ'אַרויסטריט פון דער רוסישער אַרמעע, האָט מען געהאָפט דערמיט צו שאַפען אַ פּאַטריאָטישע שטימונג אין לאַנד. נאָר דאָ איז אַרויסגעטרעטען די „סטאַווקע" מיט איהרע פאָדערונגען. דער העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר, גענ. קאָרנילאָוו האָט זיך אין אַ שאַרפען טאָן געווענדט צו דער רעגירונג מיט דער פאָדערונג צוריק איינצופיהרען אויפ'ן פראָנט טויט-שטראָף פאַר מיליטערישע פערברעכען. די פאָדערונג האָבען אונטערגעהאַלטען עטליכע מיליטער-קאָמיסאַרען און איבערהויפּט דער בּעוואוסטער אָנפיהרער פון דער אַמאָליגער ס.-ר.'ישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע ווו. סאַווינקאָוו, וועלכער האָט געשילדערט אַ שוידערהאַפט בּילד פון דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס הערשט אין דער אַרמעע. די רעגירונג האָט איינגעוויליגט אויף דער פאָדערונג. שפּעטער האָט קערענסקי פערזיכערט, אַז טראָץ דעם איינפיהרען טויט-שטראָף, איז קיין איין טויט-עקזעקוציע נישט אויסגעפיהרט געוואָרען אויפ'ן פראָנט. נאָר דער אַקט פון דער רעגירונג האָט געגעבען איהרע געגנער אַ שאַרף אַגיטאַציע-געוועהר געגען קערענסקי'ן.

אין יענער צייט האָט קערענסקי אַרויסגעוויזען אַן איבּערמענשליכע ענערגיע. ער האָט זיך אַרומגעטראָגען איבער אַלע

פּראָנטען, אָרגאַניזירט די אָפּענסיווע, געהאַלטען פייערדיגע רע-דעס, אויפגעמונטערט ביי די סאָלדאַטען אַ קאַמף-התלהבות. וואָס פאַר אַ גרויסע בעדייטונג קערענסקי האָט צוגעגעבען דער אָפענ-סיווע, קאָן מען זעהן פון פאָלגענדען פאַקט: לויט דער בקשה פון דעם גרינדער פון מאָסקווער קינסטלערישען טעאַטער, ק. סטאַניסלאַווסקי, האָב איך זיך געווענדט צו קערענסקי'ן מיט דער בקשה, צו בעפרייען פון מיליטער-דינסט אייניגע פון די אָנגעזעהנסטע אַרטיסטען פון דעם טעאַטער, ווי קאַטשאַלאָוו און אַנדערע, אָהן וועמען דאָס טעאַטער וואָלט זיך געמוזט פערמאַ-כען. קערענסקי האָט אויף מיין בקשה געענטפערט בוכשטעבליך די ווערטער:

—„איך פערזיכער אייך, אַז די אַרטיסטען וועט אַלץ איינס נישט אויסקומען צו געהן אויפן פראָנט. די טעג הויבען מיר אָן אַן אַלגעמיינע אָפענסיווע, וועלכע איז אַזוי צוגעגרייט, אַז זי מוז זיך איינגעבען און דעמאָלט וועט אין עטליכע וואָכען זיך ענדיגען די מלחמה. דער שלום איז איצט זעהר נאָהנט. דאָס איז אַ פראַגע נישט פון חדשים נאָר פון וואָכען.

דעם 18-טען יולי האָט זיך אָנגעהויבען דער אָנגריף אויף דעם גאַליציאַנער און צפון-מערב-פראָנטען. די רוסישע אַרמעע האָט אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען נצחון. פערנומען אין גאַליציע אַ גאַנצע רייה שטעדט און שטעדטלעך (קאַלישץ און אַנדערע) און אויפ'ן צפון-פראָנט דערנעהנטערט זיך צו ווילנאָ. דאָס האָט אַרויסגערופען אין פעטערבורג אַנ'ענטוזיאַזם: עס האָבען זיך אָנגעהויבען פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציעס, פּראָצעסיעס, גאָטעס-דינסטען. גלייכצייטיג מיט דעם האָט געמומען וואַקסען אַנ'אַנטי-סעמיטישע שטימונג און עס האָבען זיך גענומען הערען אויפ-רופען צו פּאָגראָמען.

קערענסקי האָט דאַן דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פּאָפּולאַריטעט. די אינטעליגענץ און אַ טייל פון פאָלק האָבען איהם פערגעטערט אַלס דעם העלדישען רעטער פון רוסלאַנד.

די געהויבענע שטימונג האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. אויב קערענסקי'ן האָט זיך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון

אַלע כחות איינגעגעבען אָנצוהויבען די אָפענסיווע און געבען דעם פיינד דעם ערשטען קלאַפּ, האָט אָבער נישט געקלעקט קיין קאַמפּס-ענערגיע אויף פאַרמצוזעצען דעם אָנגריף ביז אַנ׳ענטגילטיגען רעזולטאַט. פיל מיליטער-אָבטיילונגען האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געהן אין שלאַכט. אַנדערע האָבען פערלאָזט די פּאָזיציעס און געעפענט דעם פראָנט. פאַר׳ן אַרויסטרעטען אין שלאַכט האָט מען אויף מיטינגען גאַנצע טעג דעבאַטירט די פראַגע, אויב מען דאַרף אַרויסטרעטען. בקיצור, עס האָט זיך אַרויסגעוויזען די גאַנצע דעמאָראַליזאַציע, וועלכע האָט זיך טיף איינגעוואָרצעלט אין דער אַרמעע. דער געגנער האָט עס באַלד אויסגענוצט און מיט אַ מעכטיגען קאָנטער-אָנגריף האָט ער אָבגעוואָרפען דעם רוסישען חייל, אַרויסגעיאָגט פון די פערנומענע ערטער און אָנגעהויבען יאָגען ווייטער. אין דער אַרמעע האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכע פּאַניק. דער ריקצוג איז פאַרגעקומען אין דער העכסטער אונאָרדנונג, בעגלייט מיט די שוידערהאַפטסטע פּאָגראָמען אויף יודען אין די שטעדט, פון וואַנען מען איז אָבגעטראָטען (קאַלישק, טאַרנאָפּאָל און פיל אַנדערע).

די קאַטאַסטראָפע האָט אַרויסגערופען אַ שטימונג פון פערצווייפלונג. קערענסקיס פּאָפּולאַריטעט האָט בעקומען אַ טויטקלאַפּ. איצט איז מען אויף איהם פון אַלע זייטען אָנגעפאַלען: ער האָט דאָך געדאַרפט וויסען די שטימונג אין דער אַרמעע און נישט געטאָרט אָנהויבען די אָפענסיווע. זיין לייכטזיניגע אַוואַנטורע האָט געבראַכט דערצו, אַז חוץ די טויזענדער קרבנות וואָס זענען אומגעקומען אויפ׳ן פראָנט, האָבען די דייטשען בעקומען די מעגליכקייט אָנצוהויבען אַנ׳אָנגריף, אין דער צייט, ווען פריהער האָבען זיי נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטען געגען דעם בעגייסטערטען רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד.

די געשעהענישען אויפ׳ן פראָנט האָבען געשאַפען אין פּעטערבורג אַנ׳אַפּאַטישע שטימונג. אין „סטאַווקע״, ביי די העכערע מיליטער-לייט, ווי אויך ביי דער אינטעליגענץ און דער בורזשואַזיע האָט זיך געשטאַרקט די רעאַקציאָנערע שטימונג. מען האָט געדורשט נאָך אַ שטאַרקער מאַכט, אַ דיקטאַטאָר, און

אין דערזעלבער צייט איז אין דער אַרמעע און אין די אַרביי-טער-שיכטען געוואַקסען דער באָלשעוויזם, ווען אפילו פערבאָרגען.

די רעאַקציאָנערע געפאַהר האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. אין דער לופט האָט זיך געפיהלט אַ פערשווערונג, אַ גרייטונג צו אַנ׳איבערקעהרעניש. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אונרוהע נישט נאָר ביי די באָלשעוויקעס, נאָר אויך ביי די אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. טשערנאָוו, וועלכער האָט ביי יענער שטימונג זיך געמוזט אָנגעבען אין דימיסיע, האָט מיר איינמאָל מיט פערצווייפלונג געזאָגט:

—איבער אונז הענגט אַ שרעקליכע געפאַהר. אַ ליאַדע גע-נעראַל מיט צוויי פאָלקען סאָלדאַטען קאָן גרינג פערכאַפּען די מאַכט און רעסטאַווירירען די אַלטע אָרדנונג. איך בין זיכער, אַז די „סטאַווקע״ גרייט אונז צו אַזאַ סיורפריז.

און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. אין דער „סטאַוו-קע״, וואו עס האָט פאַקטיש געהערשט דער צאַרישער גענעראַל אַלעקסייעוו, האָט זיך צוגעגרייט אַנ׳איבערקעהרעניש, נאָר צופע-ליג איז זי בעצייטענס ענטדעקט געוואָרען.

# קארנילאָווס פערשווערונג.

קערענסקי, זעהענדיג, אַז נאָך דער אונגעלונגענער אָפּענ-
סיווע איז זיין פּאָפּולאַריטעט שטאַרק געפאַלען און געדענ-
קענדיג דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד, האָט געזוכט מיט-
לען זיך צו שיצען פון אַנ׳אונערוואַרטעטען רעוואָלוציאָנערען
אַרויסטריט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער פּעטערבורגער
גאַרניזאָן, אין וועלכען די שטימונג איז זעהר אַ ראַדיקאַלע,
כמעט אַ באָלשעוויסטישע, איז אַ קנאַפּער שוץ פאַר דער רעגי-
רונג, און האָט בעשטימט אַרויסצופיהרען איהם פון דער רעזי-
דענץ און אָבשיקען אויפ׳ן פראָנט. אויף זיין אָרט האָט ער
געדאַרפט ברענגען פון פראָנט זיכערע אָבטיילונגען.
אַרויספיהרען דעם גאַרניזאָן פון פּעטערבורג, האָט זיך
קערענסקי׳ן נישט איינגעגעבען. די פאָלקען האָבען זיך פשוט
אָבגעזאָגט צו פערלאָזען די הויפּטשטאָדט, מאָטיווירענדיג עס
דערמיט, אַז זיי קאָנען קיינעם נישט אָנטרויען די פערטיידיגונג
פון דער רעוואָלוציע, אַרויסרופען פון פראָנט אַ זיכערע דיוויזיע
איז יאָ געלונגען, אָבער קערענסקי׳ן האָט דאָס זעהר טייער
געקאָסט.

וועגן דעם עפּיזאָד איז שפּעטער געווען פיל געשריבען. אי קערענסקי, אי קאָרנילאָוו, אי סאַווינקאָוו, אי אַנדערע האָבען, יעדערער לויט זיין נוסח דערצעהלט די פרטים וועגען דעם אַרויסרוף פון מיליטער און די אונטערהאַנדלונגען וועגען דעם מיט דער הויפּט-קוואַרטיר. און דאָך איז עד-היום נישט גענוג קלאָר די גאַנצע געשיכטע. אויף וויפיל מען קאָן משער זיין, איז די זאַך פאָרגעקומען אַזוי: אַ פאָלקאָם זיכערע מיליטערישע אָבטיילונג, וועלכע זאָל זיין גרייט בלינד אויסצופיהרען אַלץ, וואָס די רעגירונג וועט בעפעהלען, האָט זיך געפונען אויפ'ן פראָנט נאָר איינע: דאָס איז געווען די אַזוי-גערופענע „ווילדע דיוויזיע", וועלכע איז בעשטאַנען באמת פון האַלב-ווילדע גרוזינער. די דיוויזיע האָט זיך פריהער געפונען אונטער דער אָנפיהרונג פון קייזערס ברודער, גרויספירשט מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש, און נאָך דער רעוואָלוציע—אונטער דער אָנפיהרונג פון גענעראַל קאָרנילאָוו, וועמען זי האָט פערגעטערט. קאָרנילאָוו איז געווען גרייט צו ברענגען די דיוויזיע קיין פּעטערבורג, נאָר ער האָט דערביי געשטעלט זיינע בעדינגונגען. ער האָט געפאָדערט, אַז מיט דער הילף פון דער דיוויזיע זאָל אינגאַנצען אונטערגעדריקט זיין די באָלשעוויסטישע בעוועגונג, און אויב נויטיג—פונאַנדערצוטרייבען דעם אַרבייטער-ראַט. דערביי האָט ער געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז די רעגירונג זאָל זיין רעאָרגאַניזירט אַזוי, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל זיך געפינען אין די הענד פון דריי פערזאָן: איהם, קאָרנילאָוו, קערענסקי און (אויב איך האָב קיין טעות נישט) פון געוועזענעם פאָרזיצענדען פון מיניסטאָרען-ראַט—פירשט לוואָוו. קערענסקי האָט אָנגענומען די בעדינגונגען. אַלס פערמיטלער אין דער פערשווערונג איז געווען וו. סאַווינקאָוו. די אונטערהאַנדלונגען האָבען זיך געפיהרט אין שטרענגסטען געהיימניש און קיינער פון די מיניסטאָרען, איבערהויפּט די סאָציאַליסטישע, האָט וועגען זיי קיין אַהנונג נישט געהאַט.

קערענסקי האָט זיכער נישט געהאַט בדעה צו דערשטיקען די רעוואָלוציע. ער האָט נאָר גערעכענט מיט דער הילף פון

קאָרנילאָװ׳ן און זײן דיװיזיע אײנצוזעצן אַ שטאַרקע מאַכט, װעלכע װעט אַרױספיהרען דאָס לאַנד פון שרעקליכען קריזיס. גאַנץ אַנדערע צילען האָט אָבער געהאַט די הויפּט־קװאַרטיר. זי האָט בעשטימט צו מאַכען אַ פאָרמעלע איבערקעהרעניש און קודם־כל אַראָבװאַרפען קערענסקי׳ן, װעלכען די העכערע מיליטער־לײט האָבען נישט געקאָנט סובל זײן. קאָרנילאָװ איז געװען אַזוי זיכער אין דעם ערפאָלג פון דער פערשװערונג, אַז ער האָט געפונען פאַר מעגליך פאַר דער צײט אויפצועפענען די קאָרטען און משלח זײן קערענסקי׳ן. קומענדיג מיט זײן דיװיזיע נישט װײט פון פעטערבורג, האָט ער געשיקט צו קערענסקי׳ן דעם אָבער־פּראָקוראָר פון הײליגסטען סינאָד, פירשט לװאָװ (דעם צװײטען) מיט אַ דרײסטער פאָדערונג, קערענסקי זאָל גלײך איבערגעבען די גאַנצע מאַכט איהם, קאָרנילאָװ׳ן, װעלכער ערקלערט זיך אַלס אײנציגער דיקטאַטאָר.

דערזעהן, אַז ער איז דאָ אַרײנגעפאַלען אין אַ שרעקליכער פאַסטקע, האָט קערענסקי אויפ׳ן אָרט אַרעסטירט דעם פירשט לװאָװ און גלײך פערעפענטליכט אין דער פּרעסע אַן אָפיציעלע מעלדונג װעגען דעם פאָרשלאָג, װאָס לװאָװ האָט איהם געמאַכט אין קאָרנילאָװס נאָמען.

דער אײנדרוק פון דער מעלדונג איז געװען אַ געװאַלדיגער, איבערהויפּט, װען מען האָט זיך נאָך דערװאוסט, אַז קאָרנילאָװ מיט זײן דיװיזיע געפינען זיך בײ לוגאַ, נישט װײט פון פעטערבורג. עס איז מיטאַמאָל פערגעסען געװאָרען די גאַנצע מחלוקת מיט די באָלשעװיקעס. אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען האָבען זיך פעראײניגט אין דעם פערצװײפעלטען אויסרוף: „די רעװאָלוציע איז אין געפאַהר”. עס איז געװאָרען אַרויסגעלאָזט אַ געמײנזאַמער אויפרוף צו די אַרבײטער און סאָלדאַטען צו פערטײדיגען ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט די עראָבערונגען פון דער רעװאָלוציע.

דער „סמאָלני אינסטיטוט”, װאו עס זענען דאַן פאָרגעקומען די זיצונגען פון אַרבײטער־ און סאָלדאַטען־ראַט, איז געװאָרען דער צענטר פונ׳ם רעװאָלוציאָנערן זעלבסט־שוץ. דאָרט האָט בײטאָג

און ביינאַכט געקאָכט ווי אין אַ קעסעל. עס זענען פאָרגעקומען פערמאַנענטע זיצונגען פון די צענטראַל-קאָמיטעטען פון אַלע פאַרטייען, בעראַטונגען פון אַלעריי קאָמיסיעס. דאָ האָבען זיך פאָרמירט קאַמפס- און פערטיידיגונגס-אָבטיילונגען, האָבען זיך אויסגעאַרבייט פלענער ווי צו פערטיידיגען פעטערבורג, און דאָ האָט מען פונאַנדערגעטיילט געוועהר די אַרבייטער. אויפ'ן צווייטען טאָג איז דער פעטערבורגער גאַרניזאָן אַרויסגעטראָטען געגען קאָרנילאָוו'ן. גלייכצייטיג זענען פיל טויזענדער אַרבייטער אַרויס הינטער דער שטאָדט גראָבען שאַנצען, מאַכען דראָט-פערצוימונגען. דער אַרבייטער-ראַט האָט אַרויסגעשיקט צו קאָרנילאָווס דיוויזיע אַ גאַנצע רייה פאַרטיי-לייט, פראָפאַגאַנדיסטען גרוזינער, וועלכע האָבען געדאַרפט ערקלערען די סאָלדאַטען פון דער ווילדער דיוויזיע, אַז מען פיהרט זיי אויף פעטער-בורג, כדי צו דערשטיקען די רעוואָלוציע. פיל האָבען מיטגע-האָלפען אין קאַמף געגען קאָרנילאָוו'ן די אייזענבאַהן-אַרבייטער. זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט אַריבערצופיהרען די דיוויזיע און אין איינינגע ערטער פונאַנדערגענומען די רעלסען.

אַ טאָג דריי האָט געדויערט די אונבעשטימטע לאַגע. צו קיין שלאַכט איז נישט דערגאַנגען. געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, אַז די ווילדע דיוויזיע, דערקלערענדיג, אַז זי וויל זיך נישט אַריינמישען אין די אינערליכע פערהעלטנישען פון רוסישען פאָלק, האָט זיך אומגעקעהרט צוריק.

קאָרנילאָוו איז גלייך אָבגעשאַפט געוואָרען פון פאָסטען אַלס העכסטער הויפט-קאָמאַנדיר. נאָר ער האָט זיך נישט באַלד אונטערגעגעבען. אַ היבשע צייט האָט די רעגירונג געפיהרט מיט איהם אונטערהאַנדלונגען ווי מיט אַ שטרייטענדען צד. די בורזשואַזע פרעסע איז געווען אויף קאָרנילאָווס צד, האָט אויפ-געוויזען, אַז אויב פאָרמעל איז ער בעגאַנגען אַ פערברעכען, האָט ער דאָס געטהון צוליב הויך-פאַרטייאישע צילען—צו ראַטע-ווען דאָס פאָטערלאַנד, און דערום דאַרף דאָס גאַנצע געשעהע-ניש פערגעסען ווערען און קאָרנילאָוו דאַרף בלייבען ווי פריהער אויף זיין פאָסטען אַלס העכסטער הויפט-קאָמאַנדיר.

דאָס האָט אָבער נישט געווירקט. סוף-כּל-סוף האָט זיך קאָרנילאָוו אונטערגעגעבען און איז אַרעסטירט געוואָרען. נאָר די ווילדע דיוויזיע איז געבליבען ווי אַ וואַך ביי איהם, צו שיצען איהם. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זיך איהם איינגע-געבען דורכצורייסען זיך צום דאָן. דאָרט האָט ער פאָרמירט אַנ׳אַרמעע, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטען געגען די באָלשעוויקעס. אין מיטען 1918 איז ער פערוואונדעט געוואָרען אין אַ שלאַכט און איז געשטאָרבען.

אויף קאָרנילאָווס אָרט איז געווען בעשטימט אַלס העכ-סטער הויפּט-קאָמאַנדיר דער גענעראַל אַלעקסייעוו. נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָט איהם פערביטען קערענסקי, וועלכער איז גלייכצייטיג געווען אי פּאָרזיצענדער פון מיניסטאָרען-ראַט, אי העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר. נאָר דיביידע העכסטע פּאָסטען האָבען איהם געגעבען ווייניג מאַכט. די נישט-געלונגענע אָפענ-סיווע, ווי די נישט-געלונגענע פערשווערונג, אין וועלכער ער איז געווען שטאַרק קאָמפּראָמיטירט האָבען אינגאַנצען אונטער-געגראָבען זיין פּאָפּולאַריטעט.

וועגען קאָרנילאָוו׳ן האָט מען ביי יענער צייט פיל גע-שריבען. ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען אַ זעהר מוטיגער מיליטער-מאַן, אָהן חכמות. ער איז נישט געווען קיין פּאָליטי-קער און האָט געדינט ווי אַ שפּילכעל אין די הענד פון די פּאָליטישע פערשווערער, וואָס זענען געבליבען הינטער די קו-ליסען. די בעסטע כאַראַקטעריסטיק האָט איהם אין זיין צייט געגעבען דער גענעראַל דראַגאָמיראָוו.

—„קאָרנילאָוו האָט אַ האַרץ פון אַ לייב און אַ קאָפּ פון אַ שעפּס.״

# מײן בעגעגעניש מיט

# ראַמעניעװן

# א.

אָנהויב אָקטאָבער 1917 בין איך אָבגעפאָהרען פון פעטערבורג קיין מאָהילעוו, וואו עס איז געווען אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור אין דער גרינדונגס־פערזאַמלונג. אַלס מיטגליד פון דער אונפאַרטייאישער שטאָדט־דומע און פון דעם נאָר־וואָס צונויפגערופענעם פאָר־פאַרלאַמענט, האָב איך נישט געקאָנט פערבלייבען אַ לענגערע צייט אין מאָהילעוו און האָב אין אַ טאָג צעהן אַרום זיך אומגעקעהרט צוריק. געקומען בין איך קיין פעטערבורג דעם 25־טען אָקטאָבער, אַקוראַט אין דעם טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען די באָלשעוויסטישע איבערקעהרעניש.

איך בין געקומען בייטאָג אויפ׳ן צאַרסקאָ-סעלסקער וואָקזאַל. די ערשטע נייעס, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט, איז געווען, אַז עס זענען נישטאָ קיין דראָשקעס. פאַרוואָס? ווייל מען שיסט אין די גאַסען. ווער שיסט? די באָלשעוויקעס.

איך בין אַוועק אין שטאָדט־דומע, האָפענדיג דאָרט צו דערוויסען זיך אויף ריכטיג, וואָס עס קומט פאָר. אויף די גאַסען, און איבערהויבט אויף ניעווסקי־פראָספעקט האָב איך בעגע־

גענט מאַסען אויטאָמאָבילען, אָנגעפּולטע מיט מאַטראָסען, סאָל־דאַטען און ציווילע, בעוואָפּענטע מיט ביקסען און פּולעמיאָטען. די אויטאָמאָבילען האָבען זיך געטראָגען מיט אַ גרויסער שנעל־קייט, אָנוואַרפענדיג אַ פּחד אויף די דורכגעהער.

אין שטאָדט־דומע האָב איך געטראָפען די מיטגלידער אין פולען קאָמפּלעט. אין גרויסען זאַל איז פאָרגעקומען אַ זיצונג, נאָר דער גרעסטער טייל ראַטמענער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אי־בער די זייטיגע זיילען, צורודערט און מטושטש. קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין שטאָדט:

—מען זאָגט, אַז די באָלשעוויקעס, נישט דערוואַר־טענדיג זיך ביז עס וועט זיך עפענען דער צוזאַמענפאָהר פון די ראַטען, זענען אַרויסגעטראָטען און ווילען פערכאַפּען די מאַכט.

ווי אַזוי זיי זענען אַרויסגעטראָטען און וואָסערע מיטלען האָט אָנגענומען די רעגירונג, כדי צו פערטיידיגען זיך,— האָט קיינער נישט געוואוסט.

מען האָט מיר דערצעהלט, אַז מיט אַ טאָג פריהער האָבען די באָלשעוויקעס פונאַנדערגעטריבען דעם פאָר־פּאַרלאַמענט. ווי נאָר מען האָט אָנגעזאָגט, אַז מאַטראָסען האָבען אַרומגערינגעלט די געביידע פון פאָר־פּאַרלאַמענט, זענען זיך די מיטגלידער פון דאָרט שנעל פונאַנדערגעגאַנגען, כמעט צולאָפען. געבליבען איז אין זאַל בלויז דער פאָרזיצענדער, אַווקסענטיעוו מיט אַ קליי־נעם הייפעל דעפּוטאַטען, וואָס זענען אויך אָהן אַ שום ווידער־שטאַנד אַוועקגעגאַנגען, ווי נאָר די מאַטראָסען האָבען זיך אַריינ־געריסען אין זאַל.

אין דומע איז ענטשטאַנען אַ שטאַרקער גערודער. אַלע ווייַלע פלעגען קומען ראַטמענער אָדער פריוואַטע מענשען און ברענ־גען פון שטאָדט נייעסען: די באָלשעוויקעס האָבען אַרומגערינ־געלט דעם ווינטער־פּאַלאַץ, וואו עס געפינען זיך אַלע מיניסטאָ־רען. דאָרט קומט פאָר אַ שלאַכט. באַלד האָט זיך בעקומען די ידיעה, אַז קערענסקי׳ן איז געלונגען אויף אַן אויטאָמאָביל אַרויס־צוכאַפּען זיך פון שטאָדט און ער איז אָבגעפאָהרען ברענגען טריי מיליטער. פון דעם מאָמענט אָן זענען אַלע האָפנונגען

געווען קאָנצענטרירט אויף קערענסקי׳ן.

פון די באָלשעוויסטישע ראַטמענער איז אין דומע קיינער נישט געווען. רוהיגער פאַר אַלעמען האָבען זיך געהאַלטען די קאַדעטען. אין זייערע רעדעס האָט זיך געפיהלט אַ נקמה-שטימונג בנוגע די סאָציאַליסטען: „אַהאַ! איהר האָט געהאָלפען אונטערדריקען קאָרנילאָוו׳ן. איצט געניסט פון אייער אַרבייט! רעכט אויף אייך!״

די הויפט-פראַגע איז געווען וועגען פעטערבורגער גאַרניזאָן. אַז ער איז געשטימט באָלשעוויסטיש—דאָס האָט מען געוואוסט. דאָך האָבען פאָרשטעהער פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פערזיכערט, אַז אין איהם זענען דאָ טיילען, וועלכע זענען פאַר דער רעגירונג, אַז איינינע פאָלקען זענען געשטימט אַנטי-באָלשעוויסטיש, געפינען זיך אונטערן איינפלוס פון די כ. ר. און זענען גרייט אַרויסצוטרעטען געגען די באָלשעוויקעס.

באַלד איז די לאַגע קלאָר געוואָרען. האָפען אויף אַנ׳-אַרויסטריט געגען די באָלשעוויקעס האָט מען נישט געקאָנט. אמת, איין פאָלק אָדער צוויי זענען אַרויסגעטראָטען פון די קאַזאַרמעס און אַוועק צום ווינטער-פּאַלאַץ, פערטיידיגען די רעגירונג, נאָר אויפן וועג זענען זיי אָבגעשטעלט געוואָרען דורך באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרען, וועלכע האָבען געהאַלטען פייערדיגע רעדעס. די שטימונג צווישען די סאָלדאַטען האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. אַ טייל האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין די קאַזאַרמעס און איינינע אָבטיילונגען זענען אַוועק צו די באָלשעוויקעס. דאָס האָט זיך אין משך פון טאָג איבערגעחזרט עטליכע מאָל.

די שטימונג אין שטאָדט-דומע איז פונדעסטוועגען געווען אַנ׳אָפּטימיסטישע. וואו זענען די קאָזאַקען? עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז אין שטאָדט זאָלען זיך נישט געפינען קיין רעגירונגס-טרייע אָבטיילונגען! פאַרוואָס פיהרט די רעגירונג זיי נישט אַרויס אַנטקעגען די באָלשעוויקעס? און מען האָט ווייטער גענומען בעשולדיגען די ווייכקייט און אונבעשלאָסענקייט פון דער רעגירונג.

מיך האָט אָבגעשטעלט דער (איצט פערשטאָרבענער) יודי־שער כלל-טהוער יעקב סאַקער, וועלכער איז אויך געווען אַ דומע-מיטגליד. ער האָט אויסגעשריען אויפגערעגט:

—עס איז משוגע צו ווערען! וואָס שווייגט די רעגירונג? וואָס דריקט זי נישט אונטער דעם בונט?

—אפשר האָט זי נישט מיט וועמען אונטערצודריקען? אפשר איז נישט פערבליבען קיין רעגירונגס-טריי מיליטער?

סאַקער האָט מיך פערוואונדערט אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט איהם ענטפלעקען אַנ׳אומגעריכטע נייעס, האָט נישט געענטפערט און איז מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אַוועקגעגאַנגען.

אַ זייגער זעקס אין אָוועגד איז אין דומע געקומען אַ מיטגליד פון דער ס. ר.׳ישער פראַקציע, ביכאָווסקי, און האָט געמעלדען, אַז ער דאַרף מיטטיילען דער דומע עטוואָס זעהר וויכטיגעס. ער איז אַרויף אויף דער עסטראַדע און מיט אַ היס־טערישען קול, מיט טרעהרען דערצעהלט, אַז נאָר-וואָס האָט איהם אַ־ויסגערופען צום טעלעפאָן דער סאָציאַליסטישער מיניס־טער מאַסלאָוו און דערצעהלט, אַז ער מיט אַלע אַנדערע מי־ניסטאָרען געפינען זיך אין ווינטער-פּאַלאַץ, וואָס איז אַרומגע־רינגעלט פון באָלשעוויסטישען מיליטער. די גאַנצע וואָך פון פּאַלאַץ איז זיך פונאַנדערגעלאָפען. זיי זיצען אין איין צימער עלענד און הילפלאָז. יעדע מינוט קאָנען זיך אַריינרייסען צו זיי די צעווילדעוועטע מאַטראָזען און זיי דער׳הרג׳ענען.

—ער האָט מיר געזאָגט,—האָט געשריען היסטעריש בי־כאָווסקי:—אין מיניסטאָרען-ראַט זענען מיר געגאַנגען נישט מיט דעם אייגענעם ווילען, די פּאַרטייען האָבען אונז אַהין געשיקט. איצט לאָזט מען אונז אָהן הילף. גיט איבער אַלעמען, אַז אויב מען וועט באַלד נישט קומען אונז צו-הילף און מיר וועלען דאָ אומקומען פערלאָזען פון אַלעמען, וועלען מיר שטאַרבען מיט אַ קללה אויף די ליפּען, און די קללה וועלען מיר שיקען אייך, ווי פעררעטער.

די רעדע האָט געמאַכט אַנ׳ערשיטערנדען איינדרוק אויף אַלעמען. מען האָט גענומען טראַכטען, וואָס צו טהון, מיט וואָס

צו העלפען די בעלאַגערטע מיניסטאָרען. ביכאָווסקי איז ווידער אַרויף אויף דער עסטראַדע און מיט דעמזעלבען היסטערישען טאָן, ווי פריהער, אויסגעשריען:

—מיר דאַרפען זיך נישט פערלאָזען אויף די פאַרטייען! ווי פאָרשטעהער פון דער זעלבסט-פערוואַלטונג, דאַרפען מיר אַלע געהן צום ווינטער-פּאַלאַץ, פאָדערן ביי די באָלשעוויקעס זיי זאָלען אויפהערען צו בעשיסען דעם פּאַלאַץ און בעפרייען די מיניסטאָרען.

ביכאָווסקיס פאָרשלאָג האָט ווידער געמאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקען איינדרוק. אָהן דעבאַטען איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען דער פאָרשלאָג, אַז די שטאָדט-דומע אין איהר גאַנ-צען צוזאַמענשטעל זאָל געהן צום ווינטער-פּאַלאַץ, אויסלייזען די מיניסטאָרען. עטליכע רעדנער האָבען אונטערגעשטראָכען, אַז מען טאָר זיך נישט אָבשטעלען אויף דעם, וואָס די באָלשעווי-קעס וועלען שיסען אין דער פרידליכער דומע-דעפּוטאַציע. זאָ-לען זיי שיסען! מיר זענען מחויב צו אָפּפערן מיט'ן לעבען, כדי צו ראַטעווען די מיניסטאָרען.

די שטימונג איז ביי אַלעמען געווען אַזאַ געהויבענע, ווען מען וואָלט תיכף אַרויסגעטראָטען צום פּאַלאַץ, וואָלט מען זיך—אָדער דערשלאָגען צו די אָנפיהרער פון אויפשטאַנד, אָדער עס וואָלטען געפאַלען מיטגלידער פון דער שטאָדט-דומע פון די באָלשעוויסטישע קוילען. נאָר געשעהן איז אַנדערש.

ווען מען האָט זיך שוין צוגעגרייט צום געהן, האָט עמי-צער פאָרגעלעגט, מען זאָל וועגען דעם אָנגענומענעם בעשלוס מיטטיילען די אָבוועזענדע מיטגלידער פון דומע, איבערהויפּט די פאַרטייען-אָנפיהרער, וועלכע געפינען זיך אויף די זיצונגען פון זייערע צענטראַל-קאָמיטעטען, כדי זיי זאָלען אויך נעהמען אָנטייל אין דער פּראָצעסיע, וועלכע וועט אויף אַזאַ אופן אַרויסקומען פיל אימפּאָזאַנטער. דער פאָרשלאָג איז געווען אָנ-גענומען. מען האָט גלייך געשיקט שליחים אין די צענטראַל-קאָמיטעטען. אָבער דער ענטפער פון דאָרט האָט זיך פערצויגען. די מיטגלידער פון דומע זענען געזעסען און געוואַרט אַ שעה

נאָך אַ שעה. גלייכצייטיג איז פּיסלעכווייז אָבגעקיהלט געוואָרען דער ענטוזיאַזם. מען איז פּשוט מיד געוואָרען פון דער אָנשטרענגונג און פון דעם וואַרטען. עס איז געוואָרען צעהן, עלף אַ זייגער. אַלע ווייל[ע] קומען אָן נייע שליחים, טיילען מיט פון איין זייט, אַז די צענטראַל-קאָמיטעטען וועלען באַלד געבען אַנ׳ענטפער און פון דער צווייטער זייט—אַז די לאַגע ביים ווינטער-פּאַלאַץ האָט זיך שטאַרק פערערגערט. מעגליך, אַז עס איז שוין שפּעט צו געהן, אַז מען האָט שוין די מיניסטאָרען אַרעסטירט אָדער אפשר גע׳הרג׳עט.

אַרום צוועלף ביינאַכט איז געקומען אין דומע דער בונדיסטישער אָנפיהרער ליבער. ער האָט גענומען דאָס וואָרט און אין אַ הייסער רעדע דערוויזען, אַז עס איז אַנ׳אמת משוגעת צו געהן מיט אַ דעמאָנסטראַציע צום ווינטער-פּאַלאַץ. נאָך גוט, ווען עס וואָלט זיין ביי טאָג, וואָלט עס געקאָנט האָבען אַ וועלכע-עס-איז ווירקונג אויף דער בעפעלקערונג. נאָך האַלבער נאַכט, וועט דאָס אין דעם אופן אויך קיין שום בעדייטונג נישט האָבען... און וואָס קאָן מען האָפען פון דעם אַרויסטרעטען? זאָלען די באָלשעוויקעס האָבען זיך נישט אָבגעשטעלט פאַר אַ גוואַלדטהאַט געגען דער גאַנצער רעגירונג, וועלען זיי, פערשטעהט זיך, נישט אָבשטעלען זיך געגען אַ הייפעל אונבעוואָפענטע דומע-דעפּוטאַטען. נאָר גיכער פון אַלץ וועלען די דעמאָנסטראַנטען אפילו נישט דערגעהן צום ווינטער-פּאַלאַץ און וועלען מיט בזיון זיך מוזען אומקעהרען צוריק.

מיר אַלע האָבען געפיהלט, אַז ליבער איז גערעכט, אַז עס איז נישטאָ נאָך וואָס צו געהן. חוץ דעם, האָט זיך ביי אַלע שוין אויסגעלאָשען די שטימונג. נאָר קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט אונטערצוהאַלטען ליבערן. יעדער האָט מורא געהאַט, מען זאָל נישט אויסטייטשען זיין אַרויסטריט ווי אַ פּחדנות, ווי אַ פעררעט, און די עטליכע רעדנער, וואָס זענען אַרויסגעטראָטען, האָבען גע׳טענה׳ט, אַז מען מוז געהן, מען מוז זיך אָפּפערן, זאָל אפילו דערפון גאָרנישט אַרויס. די רעדעס זענען געווען זעהר רעוואָלוציאָנערע, אָבער אָהן דעם גוי-

טיגען אינערליכען פײער. אין די רעדעס איז אַװעק װידער אַ שעה אָנדערטהאַלבען. ענדליך, שוין נאָך 1 אַ זײגער, האָט מען װידער אָנגענומען אַ בעשלוס אַרויסצוטרעטען. די ראַטמענער, װאָס האָבען זיך געפונען אין דומע זענען אײנער נאָכ׳ן אַנדערן לאַנג־זאַם אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען, אויף נעװסקי־פּראָספּעקט. די נאַכט איז געװען אַ פינסטערע. מען האָט געבראַכט צוטראָגען אַ לאַמטערן און די גלאַסנע האָבען זיך געשטעלט אין רײהען צו 4—5 פּערזאָן און זיך געלאָזען געהן איבער נעװסקי צום װינ־טער־פּאַלאַץ. די גאַס איז געװען פּוסט, די זעלבע פּוסטקײט האָט זיך געפּיהלט אין האַרצען. פון דערװײטען האָט זיך גע־הערט אַ שיסערײ.

די פּראָצעסיע איז אָבגעגאַנגען אונגעשטערט אַ קװאַרטאַל ביז דעם קאַזאַנער סאָבאָר. מיט אַמאָל האָט זי זיך אָבגעשטעלט.

—װאָס? װאָס איז פּאָרגעקומען?—האָט זיך געטראָגען די פראַ־גע פון אײן רײה צו דער אַנדערער.

—מען האָט אָבגעשטעלט! מען לאָזט װײטער נישט געהן!

—װער?

—אַ בעװאָפנעטער פּאַטרול. ער דראָהט צו שיסען, אויב מען װעט מאַכען אַ טריט װײטער.

ביי אַ מינוט שטעהען אַלע אונבעװעגט. עס געהט אַ לעב־האַפטע דיסקוסיע צװישען די אָנפיהרער מיט׳ן פּאַטרול.

מיט אַמאָל גיט זיך די פּראָצעסיע אַ קעהר אויס און הויבט אָן רוהיג געהן צוריק.

—װאָס? װאָס איז פּאָרגעקומען? פּאַרװאָס געהט מען צו־ריק?—הערען זיך פראַגען פון אַלע זײטען.

—מען לאָזט נישט געהן צום װינטער־פּאַלאַץ...

אַלע פיהלען, אַז עס איז פּאָרגעקומען אַ נאַרישער און העסליכער פּאַרס: אָדער מען האָט נישט געדאַרפט אַרויסטרעטען, אָדער, אַז מען איז שוין אַרויסגעטראָטען, האָט מען זיך גאָר־נישט געדאַרפט רעכענען און געהן פּאָראויס. אַלע פיהלען דאָס, און אַלע געהן שװײגענדיג, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ צוריק. אַלע שעמען זיך פּאַר די הויכע װערטער װעגען זעלבסט־אָפּפע־

רונג, וועלכע מען האָט נאָר וואָס גערעדט. אַלע פיהלען, אַז דער העלדישער אַקט, וועלכען מען האָט געוואָלט אויספיהרען, האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ נאַרישען פאַרס.

ווייניג ווער פון די ראַטמענער האָט זיך די נאַכט אומגעקעהרט אַהיים. דאָס רוב האָבען זיי גענעכטיגט אין דומע אויף בענק און אויף שטוהלען, ביז'ן העלען טאָג גערעדט צווישען זיך, געזידעלט די אָנפיהרער, וואָס האָבען זיך אַזוי מיאוס אונטערגעגעבען דעם פאַטרול. דערביי האָט מען זיך צוגעהערט צו די איינצעלנע שאָסען, וואָס האָבען זיך דערטראָגען פון גאַס.

אויפ'ן צווייטען טאָג אין דערפריה האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ביינאַכט זענען אַלע מיניסטאָרען, חוץ קערענסקין אַרעסטירט און אָבגעפיהרט געוואָרען אין פעטראָ-פאַוולער פעסטונג. עס זענען געגאַנגען משונה'דיגע קלאַנגען, אַז מען האָט זיי שרעקליך געשלאָגען, אַז מען האָט דעם אָדער יענעם מיניסטער געשאָסען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַלע מיניסטאָרען זענען געבליבען לעבען, נאָר עס האָט געהאַלטען זעהר נאָהנט דערצו, אַז מען זאָל זיי אַלע דער'הרג'ענען, פריהער אין פאַלאַץ, בעת דעם אַרעסט און נאָכדעם אויף דער בריק, בשעת מען האָט זיי געפיהרט אין פעסטונג.

עס זענען געגאַנגען אַלערליי קלאַנגען וועגען די איינציגע פערטיידיגער פון ווינטער-פאַלאַץ: די יונקערס און דער פרויען באַטאַליאָן. מען האָט דערצעהלט, אַז מען האָט זיי אַלעמען אויסגעקוילעט, דערטרונקען. שפּעטער האָט מען איבערגעגעבען, אַז איינִיגע פרויען פון באַטאַליאָן זענען געוועזען געשענדעט, נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען נישט ריכטיג.

דעם גאַנצען טאָג האָבען זיך די ראַטמענער געפונען אין שטאָדט-דומע און עס איז פאָרגעקומען אַ פערמאַנענטע זיצונג. מען האָט נישט אַזוי פיעל בעטראַכט די לאַגע און וואָס מען האָט צו טהון, ווי איבערגעגעבען פון דער עסטראַדע אַלערליי קלאַנגען און קאָמענטירט זיי. די דומע האָט אויסגעאַרבייט אַ פייערדיגען פראָטעסט געגען די באָלשעוויקעס.

האַלבען טאָג האָבען זיך בעוויזען אין דומע דריי-פיער

באָלשעװיסטישע ראַטמענער, צװישען זיי דער איצטיגער דיפּלאָמאַט יאָפּע און אַ פּרוי אַ ראַטמאַן, דוכט זיך — קאָלאָנטאַי. די איבעריגע ראַטמענער האָבען בעגעגענט די באָלשעװיקעס מיט אַ מורא׳דיגען צאָרן און מיט אויסגעשרייען:

— מערדער!! פערגװאַלדיגער! פרויען־שענדער! אַרויס! אין טורמע! אויף דער תּליה!

די באָלשעװיקעס זענען געזעסען רוהיג אויף זייערע ערטער. איינינגע האָבען געשמייכעלט. נאָר זיי זענען נישט לאַנג פערבליבען און צװעקגעגאַנגען. מעהר האָבען זיך די באָלשעװיסטישע ראַטמענער אין דומע נישט בעװיזען.

נישט קוקענדיג אויף די אַלע שרעקליכע ידיעות, איז די שטימונג א׳ן דומע נישט געװען קיין פּעסימיסטישע. מען האָט דערװאַרט פון מינוט צו מינוט די ידיעה, אַז קערענסקי קומט מיט אַנ׳אַרמעע צו פּעטערבורג. די שטימונג האָבען נאָך אונטערגעהאַלטען אַ גאַנצע מחנה נייעס־ברענגער, װעלכע האָבען פערזיכערט, אַז אַלץ געהט זעהר גוט: די אַרבייטער זענען שטאַרק אויפגערעגט געגען די באָלשעװיקעס און האָבען בעשטימט, מעהר זיי נישט אונטערצושטיצען. די סאָלדאַטען זענען שטאַרק אונצופרידען מיט דער איבערקעהרעניש. זיי טענה׳ן, אַז די באָלשעװיקעס האָבען זיי אָבגענאַרט און גרייטען זיך אַרויסצוטרעטען געגען זיי. צװישען די באָלשעװיקעס גופא קומען פאָר גרויסע מחלוקת און די מעהרהייט איז געגען דער איבערקעהרעניש. בקיצור, מען האָט געהאַלטען אין איין דערצעהלען װעגען דער פערצװייפעלטער לאַגע פון די באָלשעװיקעס און פערזיכערט, אַז מעהר װי אַ פּאָר טעג װעלען זיי זיך נישט האַלטען.

אַ געװיסען מוט האָט צוגעגעבען דאָס, װאָס די טעלעפאָן־סטאַנציע האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין די הענד ביי די יונקערס, װעלכע האָבען זיך העלדיש פערטיידיגט פון באָלשעװיסטישע אָנפאַלען.

פון דער ס. ר.׳ישער פראַקציע פון דומע איז דער גרעסטער טייל זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער די פאַבריקען און קאַזאַרמעס צו פיהרען דאָרט אַנ׳אַנטי־באָלשעװיסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

דער סעקרעטאַר פון דער ס. ר.׳ישע פראַקציע, אַ יונג און ריה־רעווודיג בהור׳ל, פלעקעל (אַ יוד), ווענעמען די באָלשעוויקעס האָבען פאַריגען יאָהר דערשאָסען, האָט זיך אַרומגעטראָגען איבער דער דומע און הייס גע׳טענה׳ט:

—צו די אַרבייטער! צו די סאָלדאַטען! מען מוז זיי ער־קלערען די לאַגע, עפענען זיי די אויגען. דאָס איז איצט דער עיקר. פון דעם הענגט אָב אַלץ.

## ב

די אונבעשטימטע לאַגע, וואָס האָט געהערשט דעם ערש־טען און צווייטען טאָג פון דער איבערקעהרעניש, האָט זיך פער־צויגען אויף די ווייטערדיגע צוויי—דריי טעג ביז דעם 29־טען אָקטאָבער. פאַקטיש זענען די זיגער געווען די באָלשעוויקעס. אין זייערע הענד האָט זיך געפינען גאַנץ פעטערבורג מיט אַלע זיינע אַנשטאַלטען. די רעגירונג איז געזעסען אין פעטראָפּאַוו־לער פעסטונג און די גאַנצע מיליטערישע מאַכט איז געווען אויף דער זייט פון די זיגער. און פונדעסטוועגען האָט קיינער, און וועניגער פאַר אַלעמען די באָלשעוויקעס, נישט געגלויבט אין דעם ענטגילטיגען נצחון פון די, וואָס האָבען געמאַכט די אי־בערקעהרעניש. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז פעטערבורג אַליין איז נאָך גאָרנישט, מען האָט געוואוסט, אַז הינטער פעטער־בורג גרייטען זיך, אָדער עס קומען־פאָר שלאַכטען צווישען קע־רענסקי׳ס מיליטער מיט די באָלשעוויקעס און אַז דאָרט וועט ענטשידען ווערען דער גורל פון אויפשטאַנד. חוץ דעם האָט מען געלעגט פיל האָפנונגען אויף מאָסקווא, וואו עס זענען פאָרגעקומען פערביטערטע גאַסען־שלאַכטען צווישען די באָלשע־וויקעס מיט די יונקערס און אַ טייל מיליטער.

די ידיעות, וואָס עס האָבען זיך בעקומען אין שטאָדט־דומע סיי פון קערענסקי׳ן, סיי פון מאָסקווא, זענען געווען זעהר אָפּטימיסטישע. מען האָט דערצעהלט, אַז קערענסקי האָט גרויסע

מיליטער־אָבטיילונגען, וואָס האָבען צושלאָגען די באָלשעוויקעס און געפינען זיך שוין הינטער פעטערבורג. פון מאָסקווא האָבען זיך אויך בעקומען ידיעות וועגען די מפלות פון די באָלשעוויקעס. אין דער צייט, ווען די קאַדעטען האָבען גע׳טענה׳ט, אַז מ׳דאַרף זיין אומ׳ברחמנות׳דיג, הענגען און שיסען, זענען די ס. ר. געווען פאַר דעם, מען זאָל זיך בעגעהן מילד מיט די בעזיגטע רעוואָלוציאָנערען.

אין די איבערגאַנגס־טעג האָט די פעטערבורגער שטאָדט־דומע געשפּילט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע. אַזוי ווי די רעגירונג איז געווען אַרעסטירט, האָבען אַלע אַנטי־באָלשעוויסטישע עלעמענטען, סיי ציווילע, סיי מיליטערישע, זיך גענומען גרופּירען אַרום דער דומע, וועלכע, אַלס דעמאָקראַטישע פאָרשטעהערין פון דער רעזידענץ, האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פּאָליטישען צענטר. זי האָט זיך געפונען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע. די באָלשעוויקעס האָבען נישט געוואַגט אָנצוריהרען זי, ווייל אין איהרע הענד האָט זיך געפונען דער גאַנצער אַפּאַראַט פון בעשפייזען די שטאָדט, און נאָך אַ לאַנגע צייט האָט די דומע געפיהרט אַנ׳עפענטליכע מלחמה מיט די באָלשעוויקעס ביז זיי האָבען ענדליך בעשלאָסען זי פונאַנדערצולאָזען.

דעם 27־טען און 28־טען, זענען אין שטאָדט־דומע פאָרגעקומען פערמאַנענטע זיצונגען פון אין דערפריה ביז 12 ביינאַכט. אויף די זיצונגען זענען פערעפענטליכט געוואָרען אַלע נייעסען סיי פון פעטערבורג, סיי פון מאָסקווא און דער פּראָווינץ, וואָס פלעגען זיך בעקומען (קיין צייטונגען זענען די ערשטע פאָר טעג נישט ערשינען). מען האָט געהאַלטען פייערדיגע רעדעס און אָנגענומען פּראָטעסטען געגען די גוואַלד־טהאַטען פון די באָלשעוויקעס. מען האָט צונויפגעשטעלט און געדרוקט אויפרופען צו דער אַרמעע, צו די אַרבייטער, צום פאָלק. ווען די טעלעפאָן־סטאַציע איז געווען פערנומען דורך די באָלשעוויקעס, האָבען זיך בעקומען ידיעות, אַז פיל יונקערס, וואָס האָבען פערטיידיגט די סטאַציע, זענען אויף אַ שרעקליכען אופן גע׳הרג׳עט, דערשאָסען, אָדער אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין פאָנ־

טאַנקע. די שטאָדט־דומע האָט גלײך אויסגעוועהלט אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשען די גוואַלדטהאַטען און בעשיצען די אַרעסטירטע יונקער. די דומע האָט אויך אויסגעוועהלט אַ קאָמיסיע וואָס בראש פון איהר איז געשטאַנען די גרעפין פאַנינאַ, אויסצופאָרשען, אויף וויפיל ס׳איז ריכטיג די בעשולדיגונג געגען די באָלשעוויקעס, אַז זיי האָבען בעת׳ן פערנעהמען דעם ווינטער־פאַלאַץ געשענדעט פרויען פונ׳ם פרויען־באַטאַליאָן.

איך געדענק, וואָס פאַר אַ מהומה עס האָט זיך אויפגעהויבען אין שטאָדט־דומע, ווען עס האָט זיך בעקומען די ידיעה, אַז די באָלשעוויקעס פאָדערן ביים דירעקטאָר פון מלוכה־באַנק די שליסלען פון דער באַנק. מען האָט געשריען, אַז זיי וועלען צוגנב׳ענען און צורויבען דעם מלוכה־פערמעגען. אַז מען טאָר זיי בשום אופן נישט געבען די שליסלען. און דער דירעקטאָר האָט טאַקי די שליסלען נישט אַרויסגעגעבען ביז מען האָט איהם נישט געדראָהט מיט שיסען. אויף וויפיל די באָלשעוויקעס זענען נישט געווען זיכער אין זייער מאַכט און, אויף וויפיל זיי האָבען אָנערקענט אין יענעם מאָמענט די רעכט פון דער שטאָדט־דומע קאָן מען זעהן דערפון, אַז האָבענדיג די שליסלען אין האַנד האָבען זיי נישט געוואַגט אַליין צו געהן אין מלוכה־באַנק און געפאָדערט, אַז די שטאָדט־דומע זאָל מיטשיקען איהרע פאָרשטעהער, וואָס זאָלען זיין דערביי, ווי זיי וועלען עפענען די באַנק און וועלען דאָרט נעהמען דריי מיליאָן אויף די מלוכה־הצטרכות. נאָך שטורעמדיגע דעבאַטעז האָט די שטאָדט־דומע פונדעסטוועגען געשיקט איהרע פאָרשטעהער, רעכענענדיג, אַז אויב זי וועט זיי נישט שיקען, וועלען די באָלשעוויקעס נעהמען פיל מעהר.

די הויפט־פראַגע איז בעשטאַנען דערין, וואָס עס טהוט זיך אויפ׳ן פראָנט, וואָס האָט זיך געפונען ביי צאַרסקאָיע־סיעלאָ און פולקאָוואָ. פון דאָרט האָבען זיך בעקומען ידיעות וואָס האָבען סותר געווען איינע די אַנדערע. אין דערזעלבער צייט האָט זיך בעקומען אַ ידיעה, אַז דער הויפט־פערבאַנד פון די רוסישע אייזענבאַהנען האָט ערקלערט, אַז ער זאָגט זיך אָב אַריבערצו־

פיהרען מיליטער סיי באָלשעוויסטיש, סיי קערענסקי׳ס, און ער פאָדערט מען זאָל אונבעדינגט קומען צו אַ פשרה. אין די אַנטי־באָלשעוויסטישע קרייזען האָט מען פערזיכערט, אַז דאָס איז נאָר אַ מאַנעוור, אַז דער „וויגזשעל״ שטעהט אויפ׳ן צד פון די באָלשעוויקעס און מיט׳ן אויסרייד פון נייטראַליטעט וויל ער געבען אַ קלאַפּ קערענסקי׳ס צד, ווייל די באָלשעוויקעס נויטיגען זיך נישט אין אַריבערפיהרען זייער מיליטער, וואָס געפינט זיך אין פעטערבורג. דער פאָרשטעהער פון „וויקזשעל״ האָט זיך געווענדט צו אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און אויך צו דער שטאָדט־דומע מיט׳ן פאָרשלאָג איינצואָרדענען אַ בעראַטונג וועגען אַ פערשטענדיגונג צווישעןביידע צדדים, כדי עס זאָל אָבגעשטעלט ווערען דער בירגער-קריעג. די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, ד. ה. די ס.־ר. און די מענשעוויקעס און די אינטערנאַציאָנאַליסטען זענען איינגעגאַנגען אויף דעם. די מעסיגערע פאַרטייען, ווי די נ. ס. און די „פלעכאַנאָווצעס״ זענען אָדער נישט געווען איינגעלאַדען, אָדער האָבען נישט איינגעשטימט צו נעהמען אַנ׳אָנטייל אין דער בעראַטונג. אין דער שטאָדט־דומע זענען פאָרגעקומען שטורמישע דעבאַטען וועגען דער פראַגע. די קאַדעטען, וואָס זענען נישט געווען איינגעלאַדען, האָבען זיך אין די דעבאַטען נישט בעטייליגט און זיך בעצויגען מיט אַ פעראַכטענדער איראָניע צום גאַנצען פאָרשלאָג. די מעסיגערע עלעמענטען פון דער שטאָדט־דומע האָבען געשטורמט, אַז עס איז אַ שאַנדע און אַ שרעקליך פערברעכען צו געהן אויף אַ בעראַטונג מיט מערדער און גוואַלד־טהוער, פאַר וועמען עס איז אַנ׳אָרט אין טורמע אָדער אויף קאַטאָרגע. ענדליך האָט די שטאָדט־דומע בעשלאָסען צו שיקען איהרע צוויי פאָרשטעהער אויף דער בעראַטונג. אויסגעוועהלט זענען געוואָרען אַלס פאָרשטעהער איך און אַ ראַטמאַן טשיכאַטשעוו (ס.־ר.). די דומע האָט אונז געגעבען אינסטרוקציעס: 1) עס זאָל געשאַפען ווערען אַ נייער פאָר־פאַרלאָמענט וואוהין עס זאָלען אַריין פאָרשטעהער פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און פון שטאָדטישע זעלבסט־פערוואַלטונגען. די לעצטע דארפען זיין פאַרגעשטעלט אין פאַר־פאַרלאַ־

מענט, נישט וועניגער ווי אַ דריטעל. 2) אַ מיניסטאָרען־ראַט דאַרף אויסגעוועהלט ווערען פון די מיטגלידער פון פאָר־פּאַרלאַמענט, נאָר אין איהם, ד. ה. אין מיניסטאָרען־ראַט קאָן נישט אַריין קיין איינער פון די אָנפיהרער פון באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד, איבערהויפּט, נישט לענין און נישט טראָצקי. 3) איידער מען וועט נאָך צוטרעטען צו וועלכע־עס־איז דעבאַטען, מוזען די באָלשעוויקעס בעפרייען אַלע אַרעסטירטע און איבערהויפּט די מיניסטאָרען.

## ג.

די ערשטע זיצונג פון דער בעראַטונג איז געווען בעשטימט אויף 8 אַ זייגער אין אָווענד דעם 28־טען. פאַרן אַהינגעהן, האָב איך אָנגעפרעגט אין ס. ר.׳יש־מענשעוויסטישען צענטראַל־קאָמיטעט, אויב זיי האָבען שוין אויסגעוועהלט זייערע פאָרשטעהער און געשיקט אויף דער בעראַטונג. מען האָט מיר געענטפערט, אַז איןביידע צענטראַל־קאָמיטעטען קומען נאָך פאָר דעבאַטען וועגען דעם פּראָגראַם פון דער בעראַטונג און מען האָט מיך מיט מיין חבר געבעטען צוואַרטען און געהן צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון די קאָמיטעטען. וואַרטען איז אויסגעקומען גאַנץ לאַנג. ערשט אַרום פיער אַ זייגער אין דערפריה האָבען די צענטראַל־קאָמיטעטען פערענדיגט זייערע דעבאַטען און אויסגעוועהלט זייערע פאָרשטעהער.

די בעראַטונג איז פאָרגעקומען אין דעם לאָקאַל פון אייזענבאַהן־פעראיין. ווען איך מיט מיין חבר זענען אַהין געקומען האָבען מיר דאָרט געטראָפען אַ מאַן 40, פאָרשטעהער פון אַלערליי סאָציאַליסטישע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז פאַר דער צייט האָט מען שוין בעשטימט, אַז פריהער פון אַלץ זאָלען זיך צונויפרעדען די פאָרשטעהער פון די גרעסערע אָרגאַניזאַציעס און פאָרלעגען זייערע פראָיעקטען דער גאַנצער בעראַטונג, כדי די אונטערהאַנדלונגען זאָלען נישט

אָבנעהמען צו-פיל צייט. אין דער קלענערער בעראַטונגס־קאָ־
מיסיע זענען אַריין די פאָרשטעהער פון די ס.־ר., מענשעווי־
קעס, באָלשעוויקעס, אייזענבאַהן־פערבאַנד און פון דער שטאָדט־
דומע. ווען איך מיט מיין חבר זענען אַריין אין צימער, וואו
עס איז פאָרגעקומען די קלענערע בעראַטונג, האָבען מיר דאָרט
געטראָפען די פאָלגענדע פאָרשטעהער: פון די באָלשעוויקעס —
קאַמעניעוו און ריאַזאַנאָוו. פון די אינטערנאַציאָנאַליסטען — מאַר־
טאָוו. פון די מענשעוויקעס — דאַן און ליבער. פון די ס.־ר. —
ראַכיטניקאָוו. פון אייזענבאַהן־פערבאַנד — דער פאָרזיצענדער פון
פערבאַנד (איך האָב פערגעסען זיין נאָמען) און איינער קרו־
שינסקי. די זיצונג האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבען.

געעפענט די זיצונג האָט דער פאָרשטעהער פון אייזענ־
באַהן־פערבאַנד. אַנ'עלטערער מענש מיט פערדעכטיגע מאַניערען.
עס איז געווען צו זעהן, אַז ער פיהרט אַ פּאָליטיק און האָט
זייטיגע כונות. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז
געווען אַ מיטגליד פון דער נ. ס.־פּאַרטיי און פאַר זיין פער־
דעכטיגער אויפפיהרונג איז ער מיט אַ סקאַנדאַל געווען פון
איהר אויסגעשלאָסען. געעפענט האָט ער די זיצונג מיט אַ רע־
דע, אין וועלכער ער האָט זיך בעמיהט אַרויסווייזען זיין אָביעק־
טיוויטעט. ער שטעלט זיך נישט אויף דעם, אָדער יענעם צד,
פאַר איהם זענען אי די, אי יענע גוטע רעוואָלוציאָנערען. נאָר
ער, אין נאָמען פון דעם פערבאַנד, שטעלט מיט שרעק פעסט
דעם פאַקט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בירגער־קריג.
מען מוז אָננעהמען אַלע מיטלען, אַז די פערברעכערישע ברי־
דערליכע מלחמה זאָל תיכף ומיד אָבגעשטעלט ווערען. דאָס
איז דער ציל פון דער בעראַטונג און כל־זמן מען וועט נישט
קומען צו אַ פשרה, וועט דער אייזענבאַהן־פערבאַנד נישט דורכ־
לאָזען, נישט פון דעם, און נישט פון יענעם צד, קיין איין צוג
מיט מיליטער אָדער אַמוניציע. אין זיין רעדע האָט ער דער־
צעהלט, אַז ער איז מיט'ן הסכם פוןביידע צדדים אַרומגעפאָהרען
נעכטען איבער'ן פראָנט. גערעדט מיט'ן שטאַב פון דער באָל־
שעוויסטישער אַרמעע, דעסגלייכען אויך מיט קערענסקי'ן און

אַז דאָרט זענען אַלע געווען איינשטימיג דערין, אַז מען מוז קומען צו אַ פּשרה און אָבשטעלען די ברידערליכע בלוט־פערגיסונג.

דערצעהלענדיג וועגען זיין אַרומפאָהרען איבער׳ן פראָנט, האָט ער, ווי פערבייגעהענדיג, מיט אַ שמייכעלע, אַרויסגעזאָגט:

—עס פערשטעהט זיך, אַז איך דאַרף נישט דערצעהלען וועגען דעם. וואָס איך האָב געזעהן אויפ׳ן פראָנט. נאָר איך מוז בעמערקען, אַז קערענסקי׳ס סאָלדאַטען האָבען אויף מיר געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון פולשטענדיג־דעמאָראַליזירטע, וואָס זע־נען גרייט פונאַנדערצופליען זיך...

—וואָס־זשע דערצעהלט איהר זאַכען, וועלכע איהר האָט נישט קיין רעכט צו דערצעהלען,—האָב איך איהם שאַרף אָבגע־שטעלט.

—יאָ, יאָ! — איהר זענט גערעכט — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהון.

נאָך איהם האָט גערעדט קאַמעניעוו.

קאַמעניעוו, אַ מאַן פון אַ יאָהר 40, פון מיטעלען וואוקס, אַ דאַרער, נאָר אַ שטאַרק געבויטער, מיט לאַנגזאַמע בעוועגונגען, אַ קאַלטער, אַנ׳איינגעהאַלטענער, רעדט געצעהלטע ווערטער, דאָס פּנים אַ ראַזירטס, מיט שטאַרקע שטריכען, מיט קאַלטע, קלוגע, גרויע אויגען. ער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע טהוער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט זיך אַ לענגערע צייט אויפגעהאַלטען אין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, און דאָרט זיך בעשעפטיגט מיט שטרענג־קאָנספּי־ראַטיווע אָנגעלעגענהייטען. אויף פערזאַמלונגען פלעגט ער קיינ־מאָל נישט אַרויסטרעטען, האָט זיך געהאַלטען אָן דער זייט און איז געווען ווייניג בעקאַנט די מיטגלידער פון דער עמיגראַנטי־שער סטודענטען־קאָלאָניע.

קאַמעניעוו האָט גערעדט נישט לאַנג, אין קורצע און שאַר־פע ווערטער האָט ער בעטאָנט, אַז מען דאַרף זיך קודם־כל רעכענען דערמיט, אַז די באָלשעוויקעס האָבען געזיגט, אַז די מאַכט איז ביי זיי אין דער האַנד, אַז אויף זייער צד איז דאָס

מיליטער און די אַרבײטער. זײ װאָלטען געקאָנט, אָנשטאָט צו בעראַטען זיך, דיקטירען זײער װילען, נאָר אַזױ װי זײ װילען װאָס גיכער פערענדיגען דעם בירגער־קריעג און אַריבערגעהן צו פּאָזיטיװער אַרבײט, זענען זײ גרײט צו מאַכען אײניגע הנחות, צופרידען זיך מיט די איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען. נאָר פון זײערע גרונד־פּרינציפּען װעלען זײ נישט אָבטרעטען.

װײטער האָט גערעדט מאַרטאָװ־צעדערבױם, אַ ברונעט, אַ נ־אײנגעבױגענער, אַ קורצזיכטיגער, רעדט גיך און נערװעז, — אַ טיפּ פון אַ יודישען פּלפּול־מענש. אין אַ לאַנגער און הײסער רעדע האָט ער אױפגעװיזען, אַז די באָלשעװיקעס פיהרען דאָס לאַנד און די רעװאָלוציע צום אָבגרונד, אַז זײ זענען קײנמאָל נישע געגאַנגען אױף פשרות מיט די איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען. איצט איז דער לעצטער מאָמענט צו געפינען אַ װעלכען עס איז געמײנזאַמען באָדען, כדי אַרױסצופיהרען דאָס לאַנד פון שרעקליכען קריזיס.

גערעדט האָט נאָך דאַן־גורעװיטש און, דוכט זיך — ליבער. דער פאָרשטעהער פון די ס.־ר. ראַכיטניקאָװ, אַ טעאָרעטיקער, אַ מענש, אַ פערשלאָסענער אין זיך, אַ שטרענגער און אַנ׳אָנגעבלאָזענער, האָט גאָרנישט נישט גערעדט. ער האָט נאָר פאָרגעלעגט די רעזאָלוציע פון׳ם ס.־ר.ישען צענטראַל־קאָמיטעט, װעלכער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל אײנגעאָרדענט װערען, אױף דער צײט ביז די גרינדונגס־פערזאַמלונג װעט זיך צונױפקומען, אַ בעראַטונג פון פאָרשטעהער פון סאָציאַליסטישע פּאַרטײען און, אַז אין דער נײער רעגירונג װאָס װעט פאָרמירט װערען, זאָלען זײן נאָר פאַך־מענשען, נישט קײן אױסגעשפּראָכענע פאָרשטעהער פון די פּאַרטײען.

דאָ איז אַרױסגעשפּרונגען מיט אַ הײסער היסטערישער רעדע ריאַזאַנאָװ־גאָלדענרײך. ער איז אױך, װי מאַרטאָװ, אַ טיפּ פון אַ יודישען װאױל־לערנער. נישט קײן הױכער, אַ ברײט־בײניגער, מיט אַ גרױסען שטערן און אַ ברײטער לאַנגער באָרד װעלכע הױבט אָן גרױ װערען. װען איך האָב איהם געקענט מיט צװאַנציג יאָהר צוריק איז פּאַריז. האָט ער זיך דאָן גע־

רעכענט פאַר אַנ׳ענציקלאָפּעדיש געבילדעטען מענשען. ער איז געווען אַ טעאָרעטיק און איז זעלטען־ווען אַרויסגעטרעטען מיט רעפּעראַטען. ער איז שטענדיג געווען צוזאַמען מיט סטעקלאָוו־נאַכאַמקיס׳ן. זענענדיג סאָציאַל־דעמאָקראַטען זענען זיי שטענדיג געווען אין דער אָפּאָזיציע, האָבען געשאַפען אייגענע גרופּען און אויסגעאַרבייט אייגענע פּראָגראַמען. די לעצטע יאָהרען איז צו זיי צוגעטראָטען טראָצקי. קומענדיג קיין רוסלאַנד, זענען זיי אַלע דריי—אויב איך האָב קיין טעות נישט—נאָך נישט געווען קיין באָלשעוויקעס. יעדענפאַל איז גאָלדענרייך נאָך געוויס קיין באָלשעוויק דעמאָלט ניט געווען. אין אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב מיט איהם געהאַט אַ חודש פריהער, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איהם פערדריסט זעהר, וואָס ער האָט זיך אָבגעריסען פון זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען און איז געקומען קיין רוסלאַנד. אין דעמזעלבען געשפּרעך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האַלט דאָס, וואָס סטעקלאָוו האָט זיך גע׳שמד׳ט—פאַר אַנ׳אונעטישער נאַרישקייט. בעת איך האָב איהם אַמאָל געקענט איז ער געווען זעהר אַ רוהיגער און אַנ׳איינגעהאַלטענער. דאָ, אויף דער בעראַטונג, האָט ער זיך אַרויסגעוויזען ווי אַ היסטעריקער, וואָס קאָן זיך בשום אופן נישט בעהערשען. ער האָט זיך צו־היצט, געשריען און געקלאַפּט איבער׳ן טיש, האָט אונז אַלעמען אָנגערופען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, האָט גע׳טענה׳ט אַז מיר ווילען די באָלשעוויקעס אָבנאַרען, כדי נאָכדעם אַרעסטירען זיי. אַזוי היסטעריש האָט ער זיך געהאַלטען די גאַנצע צייט פון אונזער בעראַטונג.

ווען איך האָב איינמאָל געפרעגט קאַמעניעוו׳ן, וואָס איז עס געוואָרען מיט ריאַזאַנאָוו׳ן, וואָס מען קאָן מיט איהם נישט רעדען, האָט ער מיר געענטפערט:

—ער איז זעהר דענערווירט פון די איבערגעלעבטע געשעהענישען. דערצו גאָר איז זיין און מיין לאַגע דאָ אויף דער בעראַטונג זעהר אַ שווערע. מירביידע זענען די מעסיגסטע, אונזערע חברים זענען פיל לינקער פון אונז און טענה׳ן, אַז מען דאַרף נישט געהן אויף קיין שום פשרות. קומט אונז אויס

מלחכה צו האלטען אויף צוויי פראנטען. ווען איהר וואלט הע-רען, ווי ריאזאנאוו רעדט אויף אונזערע זיצונגען! דארט איז ער נאך פיל שארפער.

צום סוף האב איך אין נאמען פון דער שטאדט-דומע ארויסגעזאגט די מיינונג אויף וועלכע פרינציפען די שטאדט-דומע וואלט געקאנט אננעהמען די פשרה מיט די באלשעוויקעס.

אויף מיין רעדע האט זיך ווידער אנגערופען ריאזאנאוו מיט א פייערדיגער רעפליק. סטייטש, אויסשליסען פון דער רע-גירונג לענינען און טראצקי'ן, די זיגער פון דער קאנטר-רעוואָ-לוציע! סטייטש, דערלאזען אין נייעם פאר-פארלאמענט א גאנץ דריטעל פארשטעהער פון די שטאדט-דומעס, וואוהין ס'געהען אריין קארעטען און שווארץ-מאה'ניקעס!

אונזער זיצונג האט זיך פערצויגען ביז אכט אין דערפריה.

די צווייטע זיצונג איז געווען בעשטימט אויף פינף אין אווענד.

אין שטאדט-דומע האט מען געוואַרט מיט גרויס אונגעדולד אויף דעם רעזולטאט פון די בעראטונגען. ווען איך האב געמאכט א פארטראג און מיט אלע פרטים דערצעהלט, וואס ס'איז פארגע-קומען אויף דער ערשטער זיצונג, וואס פאר א רעדעס עס זענען דארט געהאלטען געווארען און וועלכע פארשלאגען מען האט דארט געמאכט, האט זיך אין דומע אויפגעהויבען אנ'אמת'ער שטורם. די פארשטעהער פון די מעסיגע פארטייען, אפילו די מעסיגע ס.-ר. זענען געווען שטארק אויפגעבראכט פון דער חוצפה פון די באלשעוויקעס און האבען געשריען, אז עס איז א שאנדע און א פערברעך, וואס מען איז געגאנגען פיהרען מיט זיי אונטערהאנד-לונגען. איבערהויפט איז געווען אויפגערעגט דער ראטמאן שינגאר-עוו, וועלכער אין מיט א פאר חדשים שפעטער אזוי אכזריות'-דיג דער'הרג'עט געווארען דורך באלשעוויסטישע סאלדאטען צו-זאמען מיט זיין חבר קאקאשקין אין טורמע-לאזארעט, וואו זיי האבען זיך געפונען. שינגארעוו האט מיר געשטעלט א גאנצע רייה פראגען און איבערהויפט, געפאדערט אנ'ענטפער, מיט וואס פאר א רעכט בין איך פערבליבען אויף דער בעראטונג, ווי

באַלד די באָלשעוויקעס האָבען נישט ערפילט די ערשטע פאָדערונג, וואָס די שטאָדט-דומע האָט געשטעלט צו בעפרייען די אַרעסטירטע מיניסטאָרען. איך האָב גענטפערט, אַז יעדען פאַל האָב איך געהאַט דאָס רעכט צו בלייבען צוליב אינפאָרמאַטיווע צוועקען.

## ד

די צווייטע זיצונג פון דער בעראַטונג איז פאָרגעקומען אויך מיט אַ גרויסער פערשפּעטיגונג. אָנשטאָט זעקס אין אָוועגד, האָט זיך די בעראַטונג אָנגעהויבען אַרום צוועלף ביינאַכט. נאָך פיל דעבאַטען איז מען ענדליך דורכגעקומען אויף דעם, אַז עס דאַרף געשאַפען ווערען אַ נייער פאָר-פּאַרלאַמענט און אַ נייער מיניסטאָרען-ראַט. די דעבאַטען האָבען זיך געפיהרט וועגען דעם צוזאַמענשטעל פון דעם פאָר-פּאַרלאַמענט. דערביי זענען די וכוחים געווען נאָך מעהר לײדענשאַפטליך ווי דאָס פאָריגע מאָל. דעם טאָג זענען שוין אַרויס צייטונגען. צווישען זיי אויך די צייטונג „וואָליאַ נאַראָדאַ" פון די עקסט־רעכטע ס.-ר. אין דער צייטונג זענען געווען זעהר שאַרפע אָנפאַלען אויף די באָלשעוויקעס. ריאַזאַנאָוו, מיט אַ נומער פון דער צייטונג אין דער האַנד, האָט אויף דער זיצונג געפאָכט מיט איהר אין דער לופטען און היסטעריש געשריען:

—אין זייערע צייטונגען שרייבען זיי וועגען אונז די שרעקליכסטע נבלות. רופען דאָס פאָלק צו אַנ'אַרויסטריט געגען אונז. שרייען, אַז מיר זענען באַנדיטען און פעררעטער, און אין דערזעלבער צייט קומט מען אויף בעראַטונגען מיט אונז און מען זוכט כלומר'שט אַ מעגליכקייט צו אַ פּשרה!

איך האָב אויפגעוויזען ריאַזאַנאָוו'ן, אַז אין דעמזעלבען טאָג ריידען אויך זייערע צייטונגען וועגען די ס.-ר. און די מענשעוויקעס. אַ זייגער דריי פאַרטאָג, ווען מיר האָבען זיך שוין געקליבען שליסען די זיצונג, האָט זיך אָפּגעשפּילט זעהר אַ כאַראַקטעריסטישער אינצידענט. עס איז אַריינגעגאַנגען דער דינער פון

לאָקאַל און געזאָגט, אַז עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון אַר-בייטער פון פוטילאָווער זאַוואָד און ווילען נישט אַנדערש זעהען זיך מיט אונז פּערזענליך. די בעראַטונג איז נישט געווען אויפ-געלעגט אויפצונעהמען קיין דעלעגאַציעס און האָט געפּרובט אָפּצווענדען דעם וויזיט, אויפווייזענדיג, אַז די מיטגלידער פון דער בעראַטונג זענען שטאַרק פערנומען און קאָנען קיינעם נישט אויפ-נעהמען. נאָר די דעלעגאַציע איז געווען זעהר איינגעשפּאַרט און געפאָדערט נישט אַנדערש, אַז מען זאָל זי צולאָזען צו אונז, ווען נישט האָבען זיי געדראָהט, וועלען זיי מיט געוואַלד אַריינגעהן. ס'איז נישט געבליבען קיין אַנדער ברירה, ווי אַריינלאָזען די דע-לעגאַציע.

עס זענען אַריין אין צימער אַ מאַן פופצעהן אַרביימער, על-טערע און יונגע-לייט מיט ערנסטע, אָנגעשטרענגטע געזיכטער. איינער פון זיי אַ יונגער-מאַן מיט אַנ'ענערגישען פּנים און קלוגע קאַלטע אויגען, איז אַרויסגעטראָטען פאָראויס און אָנגעהויבען אויפגערעגט מיט אַ דראָהענדען קול:

שוין כמעט אַ וואָך, ווי עס קומט פאָר אַ בלוט־פערגיסונג צווישען דיביידע רעוואָלוציאָנערע מחנות. אַ פערברעכערישער בירגער-קריג. מיר פאָדערען, אַז דערצו זאָל גלייך נעהמען אַ סוף! גענוג! איהר זיצט שוין צוויי טעג און בעטראַכט די פּשרה און עס זעהט אויס, אַז איהר איילט זיך נישט. מיר קאָנען נישט דערלאָזען, אַז דער בירגער-קריג זאָל זיך ציהען ווייטער! צו אַלדי שוואַרץ יאָהר אי לענינ'ען אי טשערנאָוו'ן! מען דאַרף זיי ביידען אויפהענגען... מיר פאָדערען פון אייך, איהר זאָלט מאַכען אַנ'עק צו דער מהומה, ווען נישט, וועלען מיר זיך אַליין מיט אייך אָבּרעכענען.

די רעדע און דער דראָהענדער קול פון דעם אַרבייטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף אַלע מיטגלידער פון דער בעראַטונג, איבערהויפּט אויף ריאַזאַנאָוו'ן. ער איז אויפגע-שפּרונגען פון אָרט אַנ'אויפגערעגטער און אָנגעהויבען היסטעריש שרייען:

—איהר זענט זעהר גערעכט!!! מיר, באָלשעוויקעס זענען

פון דער ערשטער מינוט גרייט צו אַ פשרה. מיר מאַכען אַלערליי פערגרינגערונגען, נאָר די ס.-ר. מענשעוויקעס און איבערהויפּט, די פאָרשטעהער פון דער שטאָדט-דומע טאָרמאַזירען די אַרבייט און לאָזען נישט קומען צו קיין שום פשרה. נישט צו אונז האָט איהר געדאַרפט געהן, נאָר צו די צענטראַל-קאָמיטעטען פון די מענשעוויקעס און ס.-ר. און אין דומע. געהט אַהין! פאָדערט פון זיי, זיי זאָלען מאַכען אַ סוף צום בירגער-קריג.

—זעהר גוט! מיר געהען גלייך צו זיי און מיר וועלען זיי ברענגען צושלעפּען אַהער!—האָבען אויפגערעגט אויסגעשריען די אַרבייטער.

ריאַזאַנאָוו׳ס רעדע, וועלכע מען האָט אַנדערש נישט געקאָנט אָנרופען ווי אַ נידערטרעכטיגע פּראָוואָקאַציע, האָט אונז אַלעמען שטאַרק אויפגערעגט און איבערראַשט. איך האָב ערקלערט די אַרבייטער, אויף וויפיל ריאַזאַנאָוו׳ס ווערטער זענען נישט ריכטיג און האָב זיי איבערגעגעבען, וואָס פאַר אַ סכסוכים עס זענען פאָרגעקומען בעת דער בעראַטונג.

די אַרבייטער האָבען מיך אויסגעהערט און איינער פון זיי האָט אויסגעשריען אויפגערעגט:

—שוים ווייסען איך, ווער פון אייך איז גערעכט! איהר זענט אַלע נישט ווערט, וואָס איהר געהט אויף דער וועלט! מען דאַרף אייך אַלעמען אויפהענגען אויף איין בוים, וועט דעמאָלט ממילא ווערען רוהיג אין לאַנד... קומט, ברידער! מיר האָבען דאָ נישט וואָס צו טהון.

און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען.

---

דער בעזוך פון דער דעלעגאַציע האָט פונדעסטוועגען געהאַט אַ ווירקונג אויף אונזער בעראַטונג. אויף דער זיצונג פון אַנדערען טאָג, דעם 30 אָקטאָבער, האָט מען געהאַלטען קורצע רעדעס און אַרויסגעוויזען אַ טענדענץ גיכער צו קומען צו-אַ וועלכער-עס-איז פשרה. די מענשעוויקעס האָבען אַרויסגעשטעלט די פראַגע וועגען אַ וואָפענשטילשטאַנד. זיי האָבען אויפגעוויזען, אַז

ביי יעדער מלחמה, ווי באַלד עס הויבען זיך אָן פיהרען אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ שלום, מאַכט מען אַ וואָפענשטילשטאַנד. די פאָרשטעהער פון ס.-ר. און איך, האָבען אונטערגעהאַלטען דעם פאָרשלאָג און דערביי ערקלערט, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט פון די ס.-ר. האָט בעקומען אַ טעלעגראַמע פון קערענסקי'ן, וועלכער בעפולמעכטיגט איהם שליסען שלום אָדער אַ וואָפענשטילשטאַנד מיט די באָלשעוויקעס אויף וועלכע בעדינגונגען ער וועט געפינען פאַר פאַסיג. ער, קערענסקי, וועט ערפילען אַלע פערפליכטונגען, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט וועט אויף איהם אַרויפלעגען. איך, אַלס דער פאָרשטעהער פון שטאָדט-דומע, האָב אויך אונטערגעהאַלטען דעם פאָרשלאָג וועגען אַ וואָפענשטילשטאַנד. נאָר דער פאָרשטעהער פון די באָלשעוויקעס קאַמעניעוו, האָט אין קורצע ווערטער ערקלערט, אַז דאָס איז כמעט אַן'אונמעגליכע זאַך. דער אויספירונגס-קאָמיטעט פון אַרבייטער-און סאָלדאַטען-ראַטען וועט נישט איינגעהן אויף אַ וואָפענשטילשטאַנד איידער עס וועט נישט בעשטימט אָנגענומען ווערען אַ התחייבות מצד די אַנטי-באָלשעוויקעס. „שליסען איצט וואָפענשטילשטאַנד—הייסט געבען קערענסקי'ן די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען געגען אונז אַ נייע אַרמעע"—האָט ער געזאָגט, חוץ דעם, האָט ער ערקלערט, הענגט-אָב די זאַך נאָך פון שטאַב וועלכער געפינט זיך אויפ'ן פראָנט, און ער, קאַמעניעוו, מיט ריאַזאַנאָוו'ן האָבען קיין שום בעפולמעכטיגונג נישט צו שליסען אַ וואָפענשטילשטאַנד דאָ, אויף דער בעראַטונג.

פון די ווייטערדיגע דעבאַטען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דיביידע באָלשעוויסטישע דעלעגאַטען האָבען בכלל נישט קיין בעפולמעכטיגונג אָנצונעהמען וועלכע-עס-איז בעשטימונגען. עס איז אויסגעקומען אַזוי, ווי זיי וואָלטען געקומען אויף דער בעראַטונג בלויז צו אינפאָרמאַטיווע צוועקען, אָבער זיי האָבען דאָס נישט געוואָלט אָנערקענען. ניין! זיי זענען געקומען מיט געוויסע בעפולמעכטיגונגען, נאָר בעגרענעצטע. בקיצור, וויפיל מיר האָבען מיט זיי נישט גע'טענה'ט, האָבען מיר נישט געקאָנט דערגעהן, אין וואָס בעשטעהען זייערע בעפולמעכטיגונגען. אונז, די פאָר-

שט, פון די אַנטי־באָלשעוויסטישע פאַרטייען, האָט זיך אַלץ דייטליכער פאָרגעשטעלט, אַז די גאַנצע בעראַטונג איז אָנגענומען געוואָרען דורך די באָלשעוויקעס בלויז צוליב דעם, כּדי צו געהן אַקעגען דער פאָדערונג פון אייזענבאַהן־פערבאַנד און, איבערהויפּט, כּדי צו געווינען צייט און זעהן דערווייל, מיט וואָס עס וועלען זיך ענדיגען די שלאַכטען ביי פּעטערבורג און אין מאָסקווע.

אַזוי ווי די פראַגע וועגען וואָפענשטילשטאַנד איז געווען אַראָבגענומען פון דער טאָג־אָרדנונג, איז מען ווידער צוגעטרעטען צו דער פראַגע וועגען אַ צייטווייליגען פאָלקס־ראַט. נאָך לאַנגע און הייסע דעבאַטען, וועלכע האָבען געדויערט גאַנצע צוויי זיצונגען, דעם 30 און 31 אָקטאָבער, איז מען ענדליך געקומען צו אַ פערשטענדיגונג, אַז דער צייטווייליגער פאָלקס-ראַט זאָל בעשטעהן פון הונדערט מיטגלידער פונ׳ם צענטראַלען אויספיהר־רונגס-קאָמיטעט פון די אַרבייטער-און סאָלדאַטען-ראַטען, פינפאונזיבעציג מיטגלידער פון פויערים־ראַט, הונדערט פאָרשטעהער פון פּעטערבורגער און מאָסקווער שטאָדט-פערוואַלטונגען און פופציג אָדער מעהר פאָשטעהער פון פערשידענע אַלרוסלענדישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. די החלטה איז געווען אָנגענומען דורך די באָלשעוויקעס כּמעט איבער גוואַלד. ריאַזאַנאָוו האָט נישט געקאָנט פערטראָגען, וואָס אין ראַט וועט זיין כּמעט אַ העלפט פאָרשטעהער פון אַזעלכע אַנשטאַלטען, ווי די שטאָדט-דומעס און פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וואוהין עס געהען־אַריין מיטגלידער פון בורזשואַזע פאַרטייען.

וואָס שייך דער פראַגע וועגען אַ נייער רעגירונג, איז מען וועגען דעם פיל גרינגער דורכגעקומען. אַלע זענען געווען איינשטימיג, אַז די רעגירונג דאַרף זיין אַנ׳איינהייטליך-סאָציאַליסטיש. די פראַגע איז נאָר געווען אין דעם, אַז איינע פון די צוויי קעמפענדע פאַרטייען זאָל נישט האָבען קיין צו־גרויס איבערגעוויכט אין דער רעגירונג, און אויך וועגען די פערזענליכקייטען. פון איין צד האָבען די ס.-ר., מענשעוויקעס און פאָרשטעהער פון שטאָדט-דומע געפאָדערט, אַז אין דער רעגירונג זאָל נישט אַריינגעהן, נישט טראָצקי און נישט לענין. די באָלשעוויקעס, פון זייער זייט,

האָבען אויסגעקליבען קערענסקי'ן און, דוכט זיך, אַוקסענטיעװ'ן. צו אַ פערשטענדיגונג איז מען געקומען דערמיט, וואָס מען האָט אָנגענומען אַ כּערנעבעלטע בעשטימונג, אַז אין מיניסטאָרען-ראַט זאָלען אַריינגעהן פאַך-לייט, אונאָבהענגיג פון זייער פאַרטיי-אָנגעהעריגקייט. די נעמען כּון לענין, טראָצקי און קערענסקי זענען נישט דערמאָהנט געוואָרען אין דער החלטה און דערמיט גופא האָט יעדער צד געגעבען אַ שטומע צושטימונג אויף די קאַנדידאַטען פון דעם אַנדערען צד. מיר, די אַנטי-באָלשעוויקעס, האָבען גוט פערשטאַנען, אַז די באָלשעוויקעס וועלען בשום אופן נישט איינשטימען אויף אויסצושליסען לענינ'ען און טראָצקי'ן פון דער רעגירונג. אַזוי ווי מיר האָבען גוט פערשטאַנען, אַז די לאַגע פון קערענסקי'ן אויפ'ן פראָנט איז נישט קיין זעהר גלענצענדע (דאָס האָט מען געקאָנט דרינגען כּאָטש פון זיין טעלעגראַמע צו די ס.-ר.), האָבען מיר געמוזט איינגעהן אויף אַלע הנחות, אַבי נאָר דערגרייכען אַ פערשטענדיגונג און אָבשטעלען דעם בירגער-קריג. אָבער די באָלשעוויקעס האָבען אָבגעהאַלטען אַנ'ענדגילטיגען נצחון.

אונזער פערשטענדיגונג איז פאָרגעקומען שפעט ביינאַכט, דעם 31 אָקטאָבער, נאָך אַ לאַנגער און אַ פּיינליכער זיצונג פון פיער—פינף שעה. באַלד ווי די פערשטענדיגונג איז פאָרגעקומען, האָט מען ווידער אַװעקגעשטעלט די פראַגע וועגען אַ וואָפענשטילשטאַנד. די פאָרשטעהער פון די באָלשעוויקעס האָבען אָנגעוויזען, אַז פריהער דאַרף די פערשטענדיגונג אָנגענומען ווערען דורך דעם צענטראַלען אויספיהר-קאָמיטעט. נאָר ווען מיר, די אַנטי-באָלשעוויקעס, האָבען ענערגיש געגומען פאָדערען, אַז די בלוט-פערגיסונג זאָל תּיכף ומיד אָבגעשטעלט ווערען, איז קאַמעניעװ איינגעגאַנגען אויף דעם. ער האָט ערקלערט, אַז ער איז זיכער, אַז די אַרבייטער-און סאָלדאַטען-ראַטען וועלען מסכּים זיין אויף די בעדינגונגען, וועלכע זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך דער בעראַטונג, און דערום רעכענט ער פאַר מעגליך, אָנגעהמען מיטלען אָבצושטעלען די קאַמפען אויפ'ן פעטערבורגער פראָנט.

עס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער זיצונג מיט די אָנגענומענע תּנאים פון פערשטענדיגונג,

און עס איז בעשטימט געוואָרען, גלייך דיזעלבע נאַכט אָבפּיהרען דעם פּראָטאָקאָל מיט אַ בריף פון דער בעראַטונג אויפ'ן פראָנט צו די ביידע שטאַבען פון די קעמפענדע אַרמעען מיט דעם, זיי זאָלען שליסען אַ וואָפענשטילשטאַנד.

כדי צו בעקומען די מעגליכקייט צו פאָהרען אונגעשטערט אויפ'ן פראָנט צו די שטאַבען, האָט מען געמוזט האָבען אַנ'ער־לויבעניש דערויף פון פעטערבורגער מיליטער־שטאַב, וועלכער האָט זיך געפונען אין „סמאָלני־אינסטיטוט". די בעראַטונג האָט אויסגעוועהלט מיך און דעם צווייטען פאָרשטעהער פון „וויגזשעל" אַלס דעלעגאַטען צו פאָהרען אויפ'ן פראָנט. די באָלשעוויסטישע פאָרשטעהער האָבען אונז געגעבען אַ צעטעל אין שטאַב פון „סמאָל־ני", אַז מען זאָל אונז דאָרט אַרויסגעבען אַנ'ערלויבעניש צו פאָה־רען אויפ'ן פראָנט.

עס איז שוין געוועזען נאָך צוויי אַ זייגער ביינאַכט. איך מיט דעם צווייטען דעלעגאַט זענען אויף דעם אויטאָמאָביל פון „וויג־זשעל" אַוועקגעפאָהרען אין „סמאָלני" גרייטענדיג זיך אין דעם זעלבען אויטאָמאָביל אָבצופאָהרען פון דאָרט אויפ'ן פראָנט מיט דער בשורה וועגען אַ פערשטענדיגונג.

נישט קוקענדיג אויף דער שפּעטער צייט איז דער „סמאָלני אינסטיטוט" געווען שטאַרק בעלעבט. אַלע צימערען אויך אַלע דריי עטאַזשען זענען געווען בעלויכטען. אין טהיר פון „סמאָלני" האָב איך זיך בעגעגענט מיט מיין אַלטען בעקאַנטען באָנטש־ברויעוויטש, אַ געוועזענער טאָלסטאָיאָנעץ, וועלכער איז גאָרנישט לאַנג אַריבער צו די באָלשעוויקעס. וויסענדיג, אַז איך בין אַ געגנער פון באָלשעוויזם, האָט ער מיך די לעצטע צייט אויסגע־מידען, ווען מיר פלעגען זיך וואו צוזאַמענטרעפען. דערזעהענדיג מיך איצט שפּעט ביינאַכט אין „סמאָלני", האָט ער זיך שטאַרק פערוואונדערט, נאָר ער האָט עס אויסגעדריקט בלויז מיט'ן בליק און גאָרנישט נישט געפרעגט ביי מיר. ווען דער סאָלדאַט, וועל־כער איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער טהיר, האָט געפאָ־דערט ביי מיר און ביי מיין חבר אַ „פּראָפּוסק", איז באָנטש־ברויעוויטש שנעל צוגעגאַנגען צו איהם און שטרענג בעפוילען:

—לאָז זײ דורך! לאָז זײ דורך!—און איז אַװעק מיט אונז, צו בעגלײטען אונז דורך די אַלע װאַכען, װעלכע מיר האָבען געדאַרפט דורכגעהן. ער האָט געפרעגט, װאוהין מיר געהן. װען מיר האָבען איהם מיטגעטײלט װאוהין און װעגען װאָס מיר געהן, האָט ער אונז אָבגעפיהרט צום שטאַב, נאָר ער האָט דערבײ בעמערקט:

—דוכט זיך, אַז דאָרט איז אי ט נישטאָ קײנער פון די, װער ס'זאָל אײך קאָנען אַרויסגעבען אַזאַ ערלויבעניש.

באַנטש-ברויעװיטש האָט אונז אַרויפגעפיהרט אויפ'ן דרי־טען שטאָק און אָנגעװיזען װאוהין אַרײנצוגעהן. מיר זענען אַרײן אין זעהר אַ גרויסען שטאַרק בעלויכטען צימער, װאו עטליכע פרײלינס האָבען געאַרבײט אויף שרײב-מאַשינען. חוץ זײ איז דאָרט קײנער נישט געװען, נאָר די פּאָדלאָגע איז גע־װען אײנגעאַנצען פול מיט פּאַפּיראָסען-מונדשטוקען, פּאַפּירלעך און צוריסענע צײטונגען. װאָס עס האָט בעװיזען, אַז דאָ איז פאָר־געקומען אַ פערזאַ לוג פון פיל מענשען. פון דעם צימער איז געװען נאָך אַ טהיר אין אַ צװײטען צימער. מיר זענען אַרײן אַהין. דאָ זענען בײ אַ לאַנגען טיש געזעסען דרײ יונגעלײט, מילי־טעריש געקלײדעט, אויפן טיש איז געשטאַנען אַ בלעכענער טשײניק און עטליכע גלעזער אָנגעפולט מיט אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסען און ס'האָבען זיך געװאַלגערט שטיקער שװאַרץ ברויט. אויף דער װאַנד איז געװען אײנגעאָרדענט אַ פעלד־טעלעפאָן.

—מיר דאַרפען זעהן דעם הויפּט-אָנפיהרער פון שטאַב,— האָב איך זיך אָבגערופען.

אײנער פון די יונגעלײט האָט מיך האָפערדיג בעקוקט פוז קאָפּ ביז די פיס און אַ פרעג געטהון:

—נאָך װאָס בעדאַרפט איהר איהם?

איך האָב איהם דערצעהלט װער מיר זענען און נאָך װאָס מיר זענען געקומען אין שטאַב. ער האָט מיך אויסגעהערט מיט אַ גלײכגילטיגען אויסדרוק און מיט אַ האַלב איראָנישען שמײ־כעל.

—דער הויפּט-אָנפיהרער פון שטאַב איז איצט דאָ נישטאָ. איך פערטרעט איהם.

און אין אַ ווײלע אַרום צוגעגעבען:

—איך קאָן אײך קײן שום ערלויבענישען נישט אַרויסגעבען אויף צו פאָהרען צום פראָנט.

איך האָב געמומען איהם ערקלערען ווי וויכטיג דאָס איז, אַז מיר זאָלען וואָס גיכער זײן אויפ׳ן פראָנט און אָבשטעלען די בלוט-פערגיסונג. דער יונגערמאַן האָט זיך צולעגט אויפ׳ן שטוהל, געקוקט אויף מיר מיט אַ טיפער פעראַכטונג און אַרויסגערעדט רוהיג און האָפּערדיג:

—איהר האָט שוין נישט וואָס צו פאָהרען אויפ׳ן פראָנט... און עס איז שוין איבעריג אַרײנצוטרעטען אין אַ וועלכער-עס-איז פערשטענדיגונג מיט די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען...

—פאַרוואָס?

—ווײל קערענסקיס באַנדע איז פולשטענדיג צושלאָגען: די קאָזאַקען האָבען זיך אונטערגעגעבען און קערענסקי אַלײן איז אַרומגעצירנגעלט. בײ איצטיגען מאָמענט האָט מען איהם שוין געוויס געמומען אין פלען און אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט מען איהם ברענגען אַהער. ווי איהר זעהט, האָט איהר אַ בײסעל פערשפעטיגט מיט אײער פערשטענדיגונג.

איך און מײן חבר האָבען פונדעסטוועגען געפּרובט זיך איבערצײגען דעם יונגענמאַן, אַז מיר דאַרפען אויספיהרען די מיסיע, וועלכע איז אויף אונז אַרויפגעלעגט, אַז דער צושטאַנד אויפ׳ן פראָנט קאָן נישט אָבשאַפען די החלטות, וואָס זענען אָפיציעל אָנגענומען פון אַלע פאַרטײען. נאָר ער האָט אונז נישט געוואָלט אפילו אויסהערען און מיר זענען אַרויס פון „סמאָלני אינסטיטוט״ אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג.

# ה

אויף מאָרגען פריה האָט זיך בעקומען די בעשטעטיגונג וועגען דער מפּלה פון קערענסקיס אַרמעע. ווי ס'האָט זיך דער-נאָך אַרויסגעוויזען, האָט קערענסקי געהאַט אינגאַנצען זעקסהונ-דערט קאָזאַקען, וואָס האָבען זיך געשלאָגען אָהן איבעריגע התלהבות, און לסוף נישט בלויז זיך אונטערגעגעבען, נאָר אפילו בעשטימט אַרויסצוגעבען קערענסקי'ן. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך קערענסקי'ן איינגעגעבען צו אַנטרונען פון זייערע הענד.

אין שטאָדט-דומע האָט מען קיין שום גענויע ידיעות נישט געהאַט. עס האָבען זיך בלויז געהאַט פערשפרייט קלאַנ-גען וועגען קערענסקיס מפּלה און דאָס רוב דעפּוטאַטען האָבען דערין נישט געגלויבט. עס איז געווען אַ שטורמדיגע זיצונג, בשעת וועלכער דער שטאָדט-גאָלאָוואַ נ. שרעדער האָט ער-קלערט די מפּלה מיט אַ פעררעט מצד דעם „וויגזשעל" און האָט גע'טענה'ט, אַז די גאַנצע בעראַטונג איז געווען איינגעאָרדענט דורך דעם „וויגזשעל", בלויז כּדי צו געווינען צייט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען איבערגעגעבען מיט אַלע פּרטים די סצענע פון דעם פעררעט פון די קאָזאַקען מיט זייער גענע-ראַל קראַסנאָוו געגען קערענסקי'ן:

אַ דעלעגאַציע פון מאַטראָזען אונטער דער אָנפיהרונג פון בעוואוסטען דיבענקאָ איז אַריין אין אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָזאַקען, וועלכע האָבען בעשלאָסען מיט דער איינשטימונג פון זייער גענעראַל קראַסנאָוו, אַרויסצוגעבען קערענסקי'ן די באָל-שעוויקעס. דאָס איז געווען דעם 1-טען נאָוועמבער.

—אַ זייגער איינס בייטאָג,—האָט נאָכדעם דערצעהלט גע-נעראַל קראַסנאָוו,—האָט מיך אַרויסגערופען צו זיך דער הויפּט-קאָמאַנדיר (קערענסקי). ער איז געווען אויפגערעגט און זעהר נערוועז.

—„גענעראַל!—האָט קערענסקי געזאָגט—איהר האָט מיך פערראַטען. אייערע קאָזאַקעןריידען אָפען, אַז זיי וועלען מיך אַרעסטירען און איבערגעבען די מאַטראָזען".

—„יאָ,—האָב איך געענטפערט,—מען שמועסט וועגען דעמ־און איך ווייס, אַז איהר האָט פערלוירען ביי אַלעמען דאָס מיטגעפיהל".

—„די אָפיצירען שמועסען אויך דאָסזעלבע?"

—„יאָ. די אָפיצירען זענען זעהר אונצופרידען מיט אייך".

—„וואָס-זשע זאָל איך טהון? עס קומט מיר אויס צו נעה־מען זיך דאָס לעבען".

—„אויב איהר זענט אַנ'עהרליכער מאַן, וועט איהר תיכף פאָהרען קיין פעטערבורג מיט אַ ווייסער פאָהן. איהר וועט זיך מעלדען צום רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט און אונטערהאַנדלען מיט איהם, ווי אַ פאָרשטעהער פון דער רעגירונג".

—„יאָ, איך וועל עס טהון, גענעראַל!"

—„איך וועל אייך געבען אַ וואַך און וועל בעטען, אַז מיט אייך זאָל מיטפאָהרען אַ מאַטראָז".

—„ניין! נאָר נישט קיין מאַטראָז! איהר ווייסט, אַז דאָ געפינט זיך דיבענקאָ?"

—„איך ווייס נישט, ווער דאָס איז דיבענקאָ".

—„דאָס איז מיין שונא".

—„וואָס זאָל מען טהון? פיהרט איהר אַ גרויסע שפיל, דאַרפט איהר אויך קאָנען ענטפערן".

—„גוט, נאָר איך וועל פאָהרען ביינאַכט".

—„צו וואָס? דאָס וועט הייסען, אַז איהר אַנטלויפט. פאָהרט רוהיג און אָפען, אַלע זאָלען זעהן, אַז איהר אַנטלויפט נישט".

—„גוט, נאָר גיט מיר אַ זיכערע וואַך".

—איך האָב אַרויסגערופען אַ קאָזאַק פון צעהנטען דאָנער פאָלק, רוסאַנאָוו, און איהם בעפוילען בעשטימען אַכט קאָזאַקען, וואָס זאָלען בעוואַכען דעם הויפט-קאָמאַנדיר. אין אַ האַלבער

שעה אַרום זענען געקומען די קאָזאַקען און דערצעהלט, אַז קערענסקי איז נישטאָ. ער איז אַנטלאָפען. איך האָב געהייסען איהם זוכען. מען האָט איהם געזוכט אין גאַטשינאַ און אין די אַרומיגע ערטער, נאָר מען האָט איהם אין ערגעץ נישט געפונען.

ווי אַזוי און וואוהין קערענסקי איז אַנטלאָפען—ווייס איך נישט. נאָר אין גיכען האָט ער בענייט די בעציהונגען מיט'ן צענטראַל-קאָמיטעט פון די ס.-ר. און מיט דער אָרגאַניזאַציע „רעטונג פון פאָטערלאַנד און דער רעוואָלוציע". מיט צוויי חדשים שפעטער, בעת דער ערעפנונג פון דער גרינדונגס-פערזאַמלונג, האָט ער זיך געפונען אין פעטערבורג. ער האָט אפילו זעהר שטאַרק געוואָלט זיין אויף דער ערעפנונג, נאָר די חברים האָבען איהם דאָס נישט ערלויבט.

די קאָזאַקען, וואָס האָבען געהאַט בעשטימט אַרויסצוגעבען קערענסקי'ן, ווי אויך זייער גענעראַל קראַסנאָוו, זענען נישט גענומען געוואָרען אין פלען. זיי זענען פון גאַטשינאַ אַוועק אויף דרום צום גענעראַל קאַלעדין, וועלכער האָט אויפגעהויבען דעם ערשטען אויפשטאַנד געגען די באָלשעוויקעס.

---

ווען איך האָב אויף מאָרגען נאָך מיין בעזוכען „סמאָלני" אָבגעגעבען אין דומע אַ דין וחשבון וועגען די אונטערהאַנדלונגען און וועגען דעם ענטפער פון שטאַב, איז שוין כמעט ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען, אַז פון דער בעראַטונג וועט גאָרנישט אַרויסקומען. אין דומע זענען שוין אפילו געווען אונקלאָרע ידיעות וועגען קערענסקיס מפלה, אין וועלכע דער גרעסטער טייל דעפוטאַטען האָט פונדעסטוועגען נישט געגלויבט. מיין בעריכט האָט אַרויסגערופען אַן אמת'ן שטורם. דער שטאָדט-גאָלאָוואַ שרעדער האָט געשריען, אַז די גאַנצע בעראַטונג האָט דער „וויגזשעל" איינגעאָרדענט מיט אַ פראָוואָקאַטאָרישען ציל, כדי צו געבען די באָלשעוויקעס די מעגליכקייט אויסצוּוואַרטען דעם רעזולטאַט פון די קאַמפען. נישט קוקענדיג אויף דעם,

האָט די שטאָדט-דומע פונדעסטוועגען בעשטימט נישט איבערצו-רייסען די אונטערהאַנדלונגען און שיקען איהר דעלעגאַט אויף דער זיצונג, וועלכע האָט געדאַרפט דעם טאָג אין אָווענד פאָר-קומען. נאָר איך האָב שוין לחלוטין נישט געגלויבט, אַז די בעראַטונג זאָל ברענגען צו אַ וועלכען-עס-איז רעזולטאַט. דערצו בין איך געווען שרעקליך מיד פון די נישט-דערשלאָפענע נעכט און האָב זיך אָבגעזאָגט צו געהן אויף דער בעראַטונג. ד דומע האָט געשיקט אויף מיין אָרט דעם דעפּוטאַט שירסקי (אַנ׳ס.-ר.).

דעמזעלבען טאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון צענטראַלען אויספיהרונגס-קאָמיטעט פון די אַרבייטער- און סאָלדאַטען-ראַטען אין סמאָלני אינסטיטוט.

דער פאָרשטעהער פון „וויגזשעל” קרושינסקי, איז אַרויס-געטראָטען מיט אַנ׳ערקלערונג, אַז אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאַרפען תיכף קומען צו אַנ׳אויסגלייך וועגען בילדען אַנ׳איינהייט-ליך סאָציאַליסטיש מיניסטעריום. נאָר דער וויכטיגסטער אינטערעס פון דער זיצונג איז געווען נישט קרושינסקיס רעדע, נאָר די דעבאַטען וועגען אויסגלייך בנוגע אַ צייטווייליגען פּאָלקסראַט.

אַ בעריכט וועגען דער אַרבייט פון דער בעראַטונג האָט געגעבען ריאַזאַנאָוו. ער האָט מיטגעטיילט, אַז די בעראַטונג האָט בעשלאָסען צו גרינדען אַ צייטווייליגען פּאָלקסראַט, וועל-כער דאַרף בעשטעהן פון הונדערט מיטגלידער פון צענטראַלען אויספיהרונגס-קאָמיטעט, פינפאונזיבעציג פאָרשטעהער פון פּויערים-ראַט, הונדערט מיטגלידער פון מאָסקווער און פעטערבורגער שטאָדט-פערוואַלטונגען און איניגע פאָרשטעהער פון פערשידע-נע אַלרוסלענדישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ריאַזאַנאָוו איז אַליין געווען אַ דעלעגאַט אויף דער בעראַטונג און האָט צוזאַמען מיט קאַמעניעוו׳ן אָנגענומען די החלטה וועגען דעם צייטווייליגען ראַט אין דער אויבענדערמאָהנטער צוזאַמענשטעלונג, איז ער, דאָ, אין „סמאָלני” אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפער קריטיק פון דער החלטה, איינגעפינענדיג, אַז דער אַרבייטער- און סאָלדאַ-

טען-ראַט איז שוואַך פֿערטראָטען אין דעם פֿאָלקסראַט און האָט אַרויסגעזאָגט די זיכערהייט, אַז דער צענטראַלער אויספֿיהרונגס-קאָמיטעט וועט דערויף נישט איינגעהן.

דער פֿאָרשטעהער פֿון די לינקע ס.-ר., קאַמקאָוו, האָט אויך איינגעפֿונען, אַז די אַרבייטער- און סאָלדאַטען-ראַטען דאַרפֿען זיין פֿאַרגעשטעלט מיט הונדערט און פֿופֿציג מיטגלי-דער, אַז די פּויערים-ראַטען דאַרפֿען האָבען אַ פֿיל גרעסערע פֿאָרשטעהערשאַפֿט, נאָר דערפֿאַר איז פֿאַר די שטאָדט-פֿערוואַל-טונגען גענוג פֿופֿציג ערטער. צוזאַמען מיט דעם האָט קאַמקאָוו זעהר ענערגיש פֿערטיידיגט די אידעע פֿון אַן׳איינהייטליכען סאָציאַליסטישען מיניסטעריום און זיך אַרויסגעזאָגט, אַז נאָר ביי דער מיטאַרבייטונג פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קאָן גע-ראַטעוועט ווערען די רעוואָלוציע.

נאָכדעם טרעט אַרויס דער באָלשעוויק וואָלאָדאַרסקי און עפֿענט-אויף די קאָרטען. ער ערקלערט אפילו, אַז אויף דער זיצונג זענען נישטאָ קיין געגנער פֿון דעם אויסגלייך, נאָר ער גיט באַלד צו, אַז די באָלשעוויקעס קאָנען נישט מסכים זיין צו שליסען אַן׳אָבמאַך אויף וועלכע-עס-איז בעדינגונגען און אַז זיי וועלען זייער נצחון אָהן אַ קאַמף נישט אָבגעבען. די באָל-שעוויקעס האָבען אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די ראַטען״, און וועלען נישט געהן אויף קיין שום הנחות. וויי-טער זאָגט ער זיך אַרויס קאַטעגאָריש אין נאָמען פֿון די באָל-שעוויקעס, געגען בילדען אַן׳אַנדער קאָנטראָל-אָרגאַן חוץ דעם צענטראַלען אויספֿיהרונגס-קאָמיטעט. אין נאָמען פֿון זיין פּאַרטיי שטעלט ער אַרויס די פֿאָדערונגען: דער דעקרעט וועגען ערד טאָר נישט אָבגעשאַפֿט ווערען. די נייע רעגירונג מוז תיכף בע-שטעטיגען דעם דעקרעט וועגען שלום און וועגען אַ קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע. די שטאָדט-דומעס דאַרפֿען נישט צו-געלאָזט ווערען אין קאָנטראָל-אָרגאַן.

בקיצור, וואָלאָדאַרסקי האָט אין נאָמען פֿון די באָלשעווי-קעס קלאָר און אָפֿען אַרויסגעזאָגט, אַז זיין פּאַרטיי זאָגט זיך אָב פֿון וועלכע-עס-איז פּשרות, ווארפֿט-אָב די אָנגענומענע

החלטות וועגען אַ צייטווייליגען פּאָלקסראַט און אויב זי איז גרייט מסכּים צו זיין אויף אַנ'איינהייטליך סאָציאַליסטיש מיני-סטעריום, א'ז נאָר פון אַזעלכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס אָנערקענען די אַרבייטער- און סאָלדאַטען-ראַטען אַלס די איינ-ציגע מאַכט אין לאַנד.

צום סוף שטעלט וואָלאָדאַרסקי די אַלע טעזיסען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט, ווי אַ רעזאָלוציע אויף אַנ'אָבשטימונג, און דער צענטראַלער אויספיהרונגס-קאָמיטעט נעהמט אָן די רע-זאָלוציע מיט אַ מעהרהייט שטימען.

נאָך דער אָנגענומענער רעזאָלוציע האָט, פערשטעהט זיך, שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגען אַנ'אויסגלייך און די בעראַטונג, אויף וועלכע מען האָט געלעגט אַזויפיל האָפנונג, איז זיך אויף מאָרגען פונאַנדערגעפאַלען.

אין אַ טאָג—צוויי אַרום, ווען עס האָט זיך ענטגילטיג בעשטעטיגט קערענסקיס מפּלה און זיין אַנטלויפען, האָט זיך פונדעסטוועגען די שטימונג אין דער שטאָדט-דומע נישט פיל געענדערט. כּמעט אַלע זענען געבליבען ביי זייער פריהערדיגען אָפּטימיזם: די באָלשעוויסטישע מאַכט וועט זיך לאַנג נישט האַל-טען און קאָן זיך נישט האַלטען, האָבען די באָלשעוויקעס אָב-געהאַלטען אַ נצחון אין פּעטערבורג, בלייבט מאָסקווא, וועלכע פיהרט אַ העלדישען קאַמף געגען די באָלשעוויקעס און האַלט שוין ביי מנצח זיין זיי. חוץ דעם איז דאָך גאַנץ רוסלאַנד גע-געןן די באָלשעוויקעס.

נאָך בשעת עס זענען געגאַנגען די אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס, האָט דער שטאָדט-גאָלאָוואַ שרעדער טע-לעגראַפיש צונויפגערופען אַ צוזאַמענפאָהר פון פאָרשטעהער פון די דעמאָקראַטיש-אויסגעוועהלטע שטאָדט-פערוואַלטונגען פון מאָס-קווער און פּעטערבורגער ראַיאָנען, און האָט געלעגט פיל האָפ-נונג אויף אָט דער בעראַטונג. נאָר אַזוי ווי דער טעלעגראַף האָט שלעכט פונקציאָנירט און נאָך אין אַנ'ערגערן צושטאַנד האָט זיך געפונען די אייזענבאַהן-בעוועגונג, זענען צו דער בע-ראַטונג געקומען אײַנגאַנצען אַ מענשען צעהן פון עטליכע אַרו-

מיגע שטעדטליך. בלויז פון מאָסקווא איז געקומען אַ דעלעגאַט. אַ טאָג צוויי איז מען אָבגעזעסען אין שטאָדט-דומע, מען האָט געהאַלטען רעדעס און פונאַנדערגעפּאָהרען זיך, פערשטעהט זיך, אָהן וועלכע-עס-איז רעזולטאַטען.

די דומע איז ווייטער געבליבען דער צענטראַל-פּונקט פון אַלע אַנטי-באָלשעוויסטישע עלעמענטען. אַ פּאָר וואָכען האָבען די באָלשעוויקעס געדולדיג דאָס איבערגעטראָגען, ווייל זיי האָבען זיך נאָך נישט געקאָנט בעגעהן אָהן דער שטאָדט-דומע. זיי האָבען דערווייל פערפעסטיגט זייערע פּאָזיציעס, פערשטעהענדיג זעהר גוט, אַז זיי וועט נישט זיין שווער זיין ביי יעדער צייט פונאַנדערצוטרייבען די דומע. דערווייל האָבען זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבען זי צו דריקען, האָבען צוגענומען ביים שטאָדט-גאָלאָוואַ זיין אויטאָמאָביל, האָבען אָפיציעל געפאָדערט, אַז די דומע זאָל זיך אויפהערען צו בעשעפטיגען מיט פּאָליטיק. באַלד האָבען זיי פעראָרדענט צו אַרעסטירען דעם שטאָדט-גאָלאָוואַ, נאָר דאָס אויספיהרען האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען, ווייל ער האָט זיך אויסבעהאַלטען.

בערך אין דריי וואָכען אַרום נאָך דער איבערקעהרעניש איז דורך אַנ'אָפיציעלען דעקרעט די שטאָדט-דומע פונאַנדערגעלאָזט געוואָרען. די געביידע פון דער שטאָדט-דומע איז געוואָרען פערנומען דורך סאָלדאַטען און מאַטראָזען, וועלכע האָבען קיינעם אַהין נישט אַריינגעלאָזט.

אָבער דער שטאָדט-גאָלאָוואַ און די דעפּוטאַטען האָבען זיך נישט אונטערגעגעבען. עס זענען געווען איינגעאָרדענט אין אַלערליי ערטער געהיימע זיצונגען, וועלכע האָבען זיך געפיהרט אויפ'ן געוועהנליכען שטייגער. עס זענען בעטראַכט געוואָרען אַלערליי שטאָדטישע ענינים און אָנגענומען געוואָרען אַלערליי החלטות, וועלכע מען האָט, פערשטעהט זיך, נישט געהאַט די מעגליכקייט דורכצופיהרען. די גאַנצע האָפנונג איז איצט געווען אויף דער אָבסטרוקציע און סאַבאָטאַזש פון די שטאָדט-אָנגעשטעלטע און בכלל פון דער אינטעליגענץ. און אפילו ביי די רעדינגונגען איז די שטימונג פון דער פונאַנדערגעטריבענער

שטאָדט-דומע געפליבען זעהר אַנ׳אָפּטימיסטישע, אויף אַזוי פיל, אַז גאַנצע זיצונגען זענען געווען געווידמעט דער פראַגע וועגען אָרגאַניזירען אַ רעגירונג, ווייל מען איז געווען זיכער, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום געהען די באָלשעוויקעס אַוועק. לסוף אָבער, ווען מען האָט עטליכע מאָל שיער נישט אַרעסטירט די אָנוועזענדע אויף די זיצונגען, דאָט מען אויפגעהערט צו פערזאַמלען זיך.

די איינציגע האָפנונג איז איצט געבליבען אויף דער גרינדונגס-פערזאַמלונג.

# שתדלנות ביי די באָלשעוויקעם

אין ווילנאָ האָבען די באָלשעוויקעס צום ערשטען מאָל געהערשט אינגאַנצען דריי מיט אַ האַלבען חודש. פון 5-טען יאַנואַר ביז׳ן 21-טען אַפּריל 1919. מיט אַ פּאָר טעג פאַר זייער אָנקומען, דעם 1-טען יאַנואַר, האָט די שטאָדט פערנומען אַ קליינע אָבטיילונג פון עטליכע הונדערט אָרטיגע פּוילישע לעגיאָנערען. נאָר אַז די באָלשעוויקעס האָבען זיך דערנעהנטערט צו ווילנאָ, זענען די לעגיאָנערען אָבגעטראָטען אָהן שום ווידערשטאַנד. די רויטע אַרמעע איז אַריין קיין ווילנאָ טריאומפירענדיג. און באַלד איז דער יקרות געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. עס זענען פאָרגעקומען אונענדליכע רעוויזיעס, קאָנפיסקאַציעס און רעקוויזיציעס. די נייע פעראָרדנונגען, וועלכע האָבען געבראָכען דעם געוועהנליכען סדר פון לעבען, האָבען געשאַפען אַ כאַאָס אין דעם גאַנצען לעבען פון שטאָדט. בקיצור, אין ווילנאָ האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט דיזעלבע עקספּערימענטען, וואָס אין רוסלאַנד, נאָר מיט אַ גיכערן טעמפּאָ, און די אונצופרידענהייט איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג אין אַלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

אין איין זאַך נאָר האָבֿען אין ווילנאָ די באָלשעוויקעס אָבֿגעטראָטען פון זייער טאַקטיק—זיי האָבֿען דאָ נישט איינגעפיהרט קיין „טשרעזוויטשאַיקעס" און נישט אַרויסגעגעבֿען קיין טויט-אורטיילען. אמת, שטילערהייד האָט מען דערצעהלט, אַז דאָ אַרבֿייט אויך אַ „טשרעזוויטשאַיקע", נאָר אונטער אַנ'אַנדער נאָמען, און יעדע נאַכֿט ווערען דערשאָסען „קאָנטער-רעוואָלוציאָנערען". נאָר דאָס זענען, ווייזט-אויס, געווען נאָר קלאַנגען, אָפיציעל האָט מען אין די ערשטע צוויי חדשים נישט געהערט וועגען אַ וועלכֿען-עס-איז טויט-שטראָף.

אין מיטען מערץ איז פאָרגעקומען אַנ'עפענטליכֿער משפט פון אַ גרופע געלד-פעלשער, דורכֿאויס יודען, וואָס האָבֿען געמאַכֿט „קערענקעס", און דאָס געריכֿט האָט פער'משפט אַלע בעשולדיגטע, אַכֿט מאַן, צום טויט.

אַכֿט טויט-אורטיילען אויף איין מאָל און פאַר אַזאַ פערברעכֿען, פאַר וועלכֿען אפילו די צאַרישע רעגירונג האָט נישט בעשטימט קיין טויט-שטראָף, האָט אויפגערודערט די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג. איבערהויפט נאָך דערפאַר, וואָס צווישען די פער'משפט'ע האָט זיך געפונען דער גראַווירער סטאָצקי, אַ טאַלענטפולער קינסטלער, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען בעוואוסט אין שטאָדט, ווי איינער פון די בעגאַבֿטסטע און אָרענטליכֿסטע אַרבֿייטער. די מלחמה האָט איהם רואינירט, און אין יאָהר 1916, ווען די אָרימע יודישע בעפעלקערונג פון ווילנאָ איז מאַסענווייז אויסגעשטאָרבֿען פון הונגער, זענען בײַ איהם צוויי קינדער געשטאָרבֿען פון הונגער-טיפוס. פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז נאָר די שרעקליכֿע הונגער-נויט האָט געבראַכֿט דעם אָרענטליכֿען אַרבֿייטער צו זיין פערברעכֿען. די איבעריגע זענען אויך נישט געווען קיין פראָפעסיאָנעלע פערברעכֿער, נאָר אויסגעהונגערטע אָרימעלייט. אויף דעם אַלעם האָט אין זיין פערטיידיגונגס-רעדע אויפגעוויזען דער אָפיציעלער פערטיידיגער, דער קאָמיסאַר באַראַנאָווסקי (אַנ'אָרטיגער יונגערמאַן, אַ געוועזענער שניידער), נאָר עס האָט נישט געהאָלפען.

אויף מאָרגען פריה, ווען אין די צייטונגען איז געווען אָבגעדרוקט די ידיעה וועגען די טויט-אורטיילען, זענען צו מיר געקומען צוויי לעהרער פון דער אָרטיגער יודישער גימנאַזיע.

—צו אונז אין גימנאַזיע איז געקומען סטאָצקיס פרוי מיט אַ געוויין, מען זאָל זעהן ראַטעווען איהר מאַן. מיר האָבען געמאַכט אַ פערזאַמלונג, וועלכע האָט בעשטימט, אַז דער איינציגער מענש, וואָס קאָן געהן משתדל זיין זיך פאַר סטאָצקי׳ן, בעטען מען זאָל איהם שענקעי דאס לעבען, זענט איהר,—האָבען זיי מיר געזאָגט.

—איך?—האָב איך מיך פערוואונדערט,—איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ געגנער פון באָלשעוויזם און איך האָב קיין שום בעציהונגען נישט מיט די באָלשעוויקעס

—דאָס ווייסען מיר,—האָבען זיי געענטפערט,—פונדעסטוועגען זענען מיר זיכער, אַז זיי וועלען זיך מיט אייער וואָרט רעכענען

פאַר מיר איז קיין ספק נישט געווען, אַז איך וועל גאָרנישט אויספיהרען ביי די באָלשעוויקעס, נאָר איך האָב נישט געהאַלטען פאַר מעגליך אָבצוזאָגען זיך פון דער מיסיע, מיט וועלכער מען האָט זיך צו מיר געווענדעט. וויבאַלד, אַז איינציגע מענשען רעכענען, אַז איך קאָן ראַטעווען אַ פער׳משפט׳ן פון טויט—ווי קאָן איך זיך אַבזאגען? און טאָמער זענען זיי גערעכט?

—גוט, איך וועל געהן,—האָב איך געענטפערט,—אָבער, וויבאַלד צום טויט זענען פער׳משפט אַכט מענשען קאָן איך זיך נישט משתדל זיין פאַר איינעם. דאָס וואָלט הייסען, אַז איך בערעכטיג שווייגענדיג די איבריגע זיבען טויט-אורטיילען. איך קאָן ריידען וועגען אַלע פער׳משפט׳ע, נישט דערמאָהנענדיג אפילו סטאָצקיס נאָמען.

—טהוט, ווי איהר פערשטעהט.

—צו וועמען-זשע געהן?

—מיר רעכענען,—האָבען זיך אָבגערופען די לעהרער,— אַז איהר דאַרפט געהן צו באַראַנאָווסקי׳ן. ער איז אַרויסגעטראָ-

טען געגען טויט-אורטיילען און וועט, ווי אַ מיטגליד פון קאָמי-סאַרען-ראַט גיכער זיך אָברופען אויף אייער בקשה.

באַראנאָווסקי׳ן האָב איך געטראָפען אין באַנק, וואו ער האָט זיך געפונען אַלס קאָמיסאַר פון פינאַנסען. איך האָב גע-בעטען דעם שווייצאַר מיך צו מעלדען און איבערגעבען אַ ביטע, ער זאָל מיך אויפנעהמען.

צו מיר איז אַרויסגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, כמעט אַ בחור׳ל, אַ ברונעט, מיט אַנ׳אויסזעהן פון אַ מידען אַרבייטער. ער האָט טרוקען און אָבגעריסען זיך געווענדט צו מיר:

—וואָס בעגעהרט איהר?

—איך דאַרף מיט אייך ריידען וועגען אַ וויכטיגען ענין.

—נו, רעדט.

—דער ענין איז אַזאַ, וואָס איך קאָן וועגען איהם ריי-דען, נישט דאָ, אין פאָרהויז, נאָר אונטער פיער אויגען.

ער האָט אַ וואָרף געטהון אויף מיר אַ שאַרפען בליק.

—איהר קענט מיך?—האָט ער איבערגעריסען אַ פרעג גע-טהון.

—פערזענליך, נישט. איך ווענד זיך צו אייך, ווי צו אַ קאָמיסאַר.

—איך קען אייך אויך נישט, דעריבער וואונדערט מיך, וואָס איהר האָט צו מיר אַזעלכע ענינים, וועגען וועלכע מען דאַרף ריידען אונטער פיער אויגען... איבריגענס, קומט צו מיר אַהיים אין צוויי שעה אַרום.

בייַ איהם אין דער היים, אין אַנ׳אָרימען, נישט אויפגע-רוימטען צימערל האָט ער מיך בעגעגענט מיט די ווערטער:

—וואָס האָט איהר מיר מיטצוטיילען?

איך האָב איהם דערצעהלט, וועגען וואָס איך בין גע-קומען.

—פאַרוואָס ווענדט איהר זיך צו מיר און נישט צו אַנ׳-אַנדער קאָמיסאַר?

—וויייל לויט אייער פערטיידיגונגס-רעדע זעה איך, אַז

איהר זענט בכלל געגען טויטשטראָף און װעט זיך גיכער װי אַנ׳אַנדערער אָפּרופען אויף מײַן בקשה.

—אויב איהר האָט געלעזען מײַן פערטיידיגונגס-רעדע, דאַרפט איהר דאָך װיסען, אַז איך האָב מיט איהר גאָרנישט נישט אויסגעפיהרט.

—איהר האָט נישט אויסגעפיהרט, װי אַ פערטיידיגער בײַ די ריכטער, אָבער איהר קאָנט אויספיהרען, װי אַ מיטגליד פון קאָמיסאַרען-ראַט, מען זאָל די פער׳משפט׳ע שענקען דאָס לעבען.

—װען איך װאָלט דאָס קאָנען, װאָלט איך עס טהון אָהן אײַער בקשה.—האָט ער געענטפערט אויפגערעגט.—איהר האָט נישט געטראָפען מיט׳ן אַדרעס. איבערצייגען, אַז מען דאַרף די פעראורטיילטע שענקען דאָס לעבען דאַרפט איהר נישט מיך, נאָר אַנדערע קאָמיסאַרען. געהט צו זיי.

—צו װעמען?

—איך װייס נישט... געהט צו יאָפּע׳ן.

אין װילנאָ האָט זיך דאַן געפונען דער בעװאוסטער באָל-שעװיסטישער דיפּלאָמאַט יאָפּע.

—יאָפּע איז דאָך נישט קיין מיטגליד פון קאָמיסאַרען-ראַט?

—עס מאַכט נישט אויס, ער האָט אָבער אַ גרויסען איינ-פלוס. געהט אַריין צו איהם, אָדער צום פאָרזיצענדען פון קאָ-מיסאַרען-ראַט, מיצקעװיטש-קאַפּסיוקאַס.

איך האָב זיך דערמאָהנט, אַז די לעצטע צייט האָט זיך אָפּט אויפגעטראָגען מיט יאָפּע׳ן דער אָרטיגער פאָרזיצענדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער דיכטער ליב יפה, װעלכער האָט זיך משתדל געװען בײַ איהם װעגען דער ערלױ-בעניש װידער אַרויסצוגעבען אַ ציוניסטישע צייטונג. איך בין אַװעק צו ל. יפה׳ן און געבעטען איהם געהן מיט מיר צוזאַ-מען צו יאָפּע׳ן.

יאָפּע׳ן האָבען מיר נישט געטראָפען אין דערהיים. אונז האָט בעגעגענט פרל. הערשבערג, װעלכע, װי יפה האָט מיר געזאָגט, שפּילט בײַ איהם אַ ראָלע פון אַ ראַטגעבערין.

—יאָפּע געפינט זיך אויף אַ זעהר װיכטיגער זיצונג פון

קאָמיסאַרען-ראַט.—האָט זי אונז געזאָגט.—אויב איהר וועט מיר מיטטיילען וועגען וואָס פאַר אַנ׳ענין איהר זענט געקומען, וועל איך זעהן צי איך קאָן איהם אַרויסרופען.

מיר האָבען איהר מיטגעטיילט, וועגען וואָס מיר זענען געקומען.

זי האָט אונז נישט אויסגעהערט ביז׳ן סוף און אויפגע־רעגט אויסגערופען:

—וועגען דעם וועט איהר זיך אומזיסט ווענדען צו יאָ־פע׳ן. איך קאָן אייך זאָגען פאָראויס, אַז אין אַזעלכע ענינים איז ער בלוטדורשטיג, און איך וועל איהם אויך נישט בעטען, ער זאָל זעהן, מען זאָל שענקען די פעראורטיילטע דאָס לעבען. איך זאָג אייך אָפען, ווען איך וואָלט קאָנען, וואָלט איך אָט די פערברעכער שיסען צוויי מאָל.

—וואָס איז דאָס, אייער פערזענליכע שטימונג אָדער אַ פּונקט פון דעם באָלשעוויסטישען פּראָגראַם?—האָב איך זי גע־פרעגט.

זי איז אַ ביסעל רויט געוואָרען און האָט אויף אַ ווײַלע זיך פערלוירען.

—דאָס געהער נישט אָן צום באָלשעוויזם... מיר דאַרפען ווייזען דער בורזשואַזיע, אַז מיט אונז איז געפעהרליך צו שפּי־לען זיך...

—די אַכט פער׳משפּט׳ע זענען נישט קיין פאָרשטעהער פון דער בורזשואַזיע, אָדער פון אַנ׳אַנדער קלאַס...

—אָבער זיי זענען אונזערע גרעסטע פיינד. אונזער אַר־מעע זיגט. מיט׳ן הונגער וועלען מיר זיך אַנ׳עצה געבען. אָבער אַז מען וועט אונזער רובל מאַכען צו-נישט, קאָן עס אונז גע־בען אַ טויט-קלאַפּ.

—די דייטשע אימפעריאַליסטען האָבען מיט אַ יאָהר צוריק גע׳משפּט געלד-פעלשער און פעראורטיילט זיי צו דריי יאָהר טורמע.

—טורמע שרעקט איצט קיינעם נישט אָב. די פערברעכער רעכענען, אַז ווי נאָר מיר וועלען אַוועקגעהן, וועט מען זיי

אַרויסלאָזען, אָבער, אַז מען וועט צושטעלען צו דער וואַנד און שיסען, וועט מען אָנהויבען מורא האָבען פאַר אונז.

איך בין אַוועק, נישט דערלאַנגענדיג איהר די האַנד.

עס איז געבליבען דער איינציגער, צו וועמען איך האָב זיך געקאָנט ווענדען: מיצקעוויטש-קאַפּסיוקאַס. איך בין אַוועק צו איהם צוזאַמען מיט׳ן דאָקטאָר שאַבאַד.

קאַפּסיוקאַס — אַ ליטווינער — אַ קליינגעוויקסיגער, מיט אַ תמימות׳דיגען פּנים פון אַנ׳אָרימען אַרבייטער. אַ האַלב לעבען האָט ער פערבראַכט אין טורמע. ער האָט אונז זעהר פריינדליך אויפגענומען, האָט מיר דערמאָהנט, אַז מיר זענען מיט איהם אַלטע בעקאַנטע, האָבען זיך בעגעגענט מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק אין בערן, אין דער שווייץ און מיט צוויי יאָהר צוריק אין פעטערבורגער שטאָדט-דומע, וואו מיר זענען ביידע געווען ראַטמענער. נאָר איצט, צוקוקענדיג זיך צו איהם, האָב איך זיך דערמאָהנט, אַז איך האָב איהם אין פעטערבורגער דומע אָפט געזעהן אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, נאָר ער האָט דאָרט קיין שום ראָלע נישט געשפּילט.

איך האָב איהם געזאָגט:

—מיר זענען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן, אַז מיר ריידען כּמעט אויף בעזונדערע שפּראַכען. נאָר עס זענען נאָך דאָ ווערטער און בעגריפען, וואָס זענען פאַר אונז ביידען געבליבען גלייך פערשטענדליך. איינס פון די ווערטער איז דאָס „מענשען-לעבען". פערגיסט נישט קיין בלוט. דאָס וועט נישט פערשטאַרקען אייער פּאָזיציע און נישט צוגעבען קיין גלאַנץ אייער פּראָגראַם.

—איך פערזיכער אייך, אַז וועגען דעם אורטייל האָב איך זיך אַליין דערוואוסט היינט אינדערפריה פון די צייטונגען און ער איז מיר נישט צום האַרצען. איך זאָג אייך צו דורכריידען וועגען דעם מיט יאָפּע׳ן און מיט די איבריגע קאָמיסאַרען.

איך האָב איהם דערצעהלט וועגען מיין געשפּרעך מיט יאָפּעס סעקרעטאַרין.

ער האָט זיך אָבגערופען:

—וואָס פּאַר אַ נאַרישקייטען! טעראָריזירען די בעפעלקע-רונג! זי איז, דוכט זיך, שוין אַזוי אויך גענוג טעראָריזירט. און אויב מיר וועלען אַוועקגעהן פון דאַנען, וועט, פערשטעהט זיך, מעהר פון אַלעמען ליידען די יודישע בעפעלקערונג. איז איבעריג, אַז מיר זאָלען זי נאָך אויך טעראָריזירען. ניין! צוליב ד׳ם שיסען די אַכט מענשען איז, פערשטעהט זיך, נישט כדאי. איך זאָג אייך צו בעטראַכטען דעם ענין און אויב עס וועט מעגליך זיין, אָבשאַפען דעם טויט-אורטייל.

—זאָל עס אָבער נישט צו-שפּעט זיין?

ער האָט צוגערופען זיין סעקרעטאַר און געהייסען מאַכען אַ פעראָרדנונג, אַז דער אויספיהר פון טויט-שטראָף זאָל אָבגע-שטעלט ווערען.

אין דריי טעג אַרום האָב איך זיך דערוואוסט פון די צייטונגען, אַז פון די אַכט פער׳משפט׳ע זענען זעקס בעגנעדיגט געוואָרען אויף אייביגע טורמע, צווישען זיי אויך סטאָצקי. די איבעריגע צוויי האָט מען געשאָסען.

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט מיר ד״ר שאַבאַד מיטגע-טיילט, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט בעפרייט די זעקס פער-אורטיילטע צו אייביגער טורמע.

1919 יאָהר.

# ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי און

# באָריס סאַווינקאָוו אין ווארשא

די פאָריגע וואָך זענען געקומען קיין וואַרשא און פערבראַכט דאָ עטליכע טעג, צוויי פון די אָנגעזעהענע רוסישע פאָליטישע קעמפער, ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי און באָריס סאַווינקאָוו.

טשאַיקאָווסקי, כמעט דער עלטסטער פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען פונ׳ם פריהערדיגען פעריאָד, מיט וועמענ׳ס נאָמען עס איז צוזאַמענגעבונדען איינע פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, „טשאַיקאָווצעס", האָט איבער פערציג יאָהר פערבראַכט, ווי אַן עמיגראַנט, אין לאָנדאָן, און האָט בעקומען אַ זעהר חשוב׳ען נאָמען אין אַלע שיכטען פון דער ענגלישער געזעלשאַפט. ווען טשאַיקאָווסקי איז אין 1907 אָדער 1908, אומקעהרענדיג זיך אין רוסלאַנד, אַרעסטירט און גע׳משפט געוואָרען, האָט עס אַרויסגערופען די שטאַרקסטע אויפרעגונג אין ענגלאַנד. עס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פעטיציעס מיט צעהנדליגער טויזענדער אונטערשריפטען וועגען זיין בעפרייאונג, און אין עטליכע טעג איז געזאַמעלט געוואָרען אַ סומע פון פיל טויזענדער פונט שטערלינג אויף צו בעפרייען איהם אויף ערבות.

טשאַיקאָווסקי האָט שטענדיג געהערט צום עקסט־רעכטען

כליגעל פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. ער איז זעלטען אַרויסגעטראָטען ווי אַ סאָציאַליסט און איז געווען פיל נעהנטער צו די דעמאָלסדיגע רוסישע ליבעראַלען. בלויז אין 1903 איז ער אַריינגעטראָטען אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען-רעוואָ-לוציאָנערען און האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם אויס-לענדישען קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, איבערהויפּט ביים איבער-ליפערען געוועהר קיין רוסלאַנד. זייענדיג אַרויסטריט צוזאַמען מיט דער בעוואוסטער „באַבושקאַ״, ברעשקאָווסקאַיאַ, האָט ער אויפ׳ן משפט, אין געגענטייל פון דעם דרייסטען אַרויסטריט פון דער אַלטער רעוואָלוציאָנערין, אָבגעלייקענט זיין אָנגעהעריגקייט צו דער פּאַרטיי ס.-ר. און זיך אַרויסגעשטעלט ווי אַ לעגאַלער קולטור-אַרבייטער, וואָס עס האָט געבראַכט צו זיין בעפרייאונג, אין דער צייט, ווען די „באַבושקאַ״ איז געווען פער׳משפט אויף אייביגער פעשיקונג אין סיביר. נאָך דעם פּראָצעס האָט זיך טשאַיקאָווסקי אָבגעגעבען מיט קולטור-טעטיגקייט און אין משך פון עטליכע יאָהר האָט ער געשאַפען אין סיביר אַ קאָלאָסאַלע קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג. אין אָנפאַנג פון דער רוסישער רעוואָ-לוציע איז ער אַריינגעטראָטען אין דער פּאַרטיי „פאָלקס-סאָציאַ-ליסטען״ (נ. ס.) און איז דאָרט געווען דער פאָרזיצענדער. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקעהרעניש איז ער אַריבערגעפאָהרען קיין אַרכאַנגעלסק און האָט, מיט דער הילף פון די ענגלענדער, אָרגאַניזירט דאָרט די צפון-רוסישע רעגירונג, אין וועלכער ער איז די גאַנצע צייט געווען דער פּרעזידענט און מיניסטער פון אינערן. פאָריגען יאָהר, ווען די ענגלענדער האָבען פערלאָזען אַרכאַנגעלסק און די צפון-רעגירונג איז זיך צעפאַלען, איז ער אָבגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, און פון דאָרטען געווען דירעקט פער-בונדען מיט די אָנפיהרער פון דעם קאַמף אַנטקעגען באָלשעוויזם. איצט פאָהרט ער דורך וואַרשא קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט׳ן ציל צו דערשלאָגען זיך קיין דרום-רוסלאַנד און אַרויסרופען דאָרט אַ נייעם קאַמף געגען דעם באָלשעוויזם.

פיל שטורמישער, אייגענאַרטיגער און פאַנטאַסטישער איז

די לעבענס-געשיכטע פון דעם צווייטען וואַרשעווער גאַסט, באָריס סאַווינקאָוו.

סאַווינקאָוו איז אַריינגעטראָטען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין אָנפאַנג פון דעם איצטיגען יאָהרהונדערט. אין 1902 איז ער אַריין אין דער פּאַרטיי סאָצ.־רעוו. און האָט זיך באַלד אויסגעצייכענט מיט זיין ענערגיע און העלדענמוט. אַלס אַ מיטגליד פון דער טעראָריסטישער „קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע” האָט ער, צוזאַמען מיט קאַליאַיעוו'ן, באַלמאַשעוו'ן און סאַזאָנאָוו'ן, אָרגאַניזירט און אויסגעפיהרט די געפערליכסטע טעראָריסטישע אונטערנעהמונגען: די אַטענטאַטען אויף פּלעווע'ן, גרויספירשט סערגיי און אַנדערע. יאָהר־ענלאַנג איז ער געשטאַנען פּנים-אל-פּנים מיט'ן טויט, גערייצט זיך מיט איהם: געווען אַרעסטירט, פער'משפט געהאָנגען צו ווערען און כמעט פון אונטער דער תליה אויף אַ פאַנטאַסטישען אופן אַנטרונען. נאָך דער ענטדעקונג פון אַזעוו'ס פעררעט האָט ער איבערגענומען די גאַנצע טעראָריסטישע טעטיגקייט. אויפגעשטעלט די צעפאַלענע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע און עטליכע יאָהר אָנגעפיהרט מיט איהר.

אין דער זעלבער צייט האָט סאַווינקאָוו אָנגעשריבען און פערעפענטליכט אונטער'ן פּסעוודאָנים „ראָפּשין” צוויי ליטעראַרישע ווערק פון רעוואָלוציאָנערען לעבען: אַ נאָוועלע „דאָס בלאַסע פערד” און אַ גרויסען ראָמאַן „דאָס, וואָס עס איז נישט געווען”. די ביידע ווערק, פון אַ גרויסען קינסטלערישען ווערט און טיפקייט, האָבען אַרויסגערופען אַ שטאַרקען אינטערעס אין דער ליטעראַרישער וועלט, זענען געווען איבערזעצט אויף פיל אייראָפּעאישע שפּראַכען און האָבען אַוועקגעשטעלט זייער פערפאַסער אין ערשטען ראַנג פון די רוסישע שריפטשטעלער. נאָר אין דער זעלבער צייט האָבען די ווערק, איבערהויפּט דאָס צווייטע, אין וועלכען עס איז געווען אויסגעדריקט אַ גרויסע אפיקורסות צו דער גרונד־דאָגמע פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט און אַרויסגעוויזען אַ טיפע פעראַכטונג צו אייניגע פון די ס.-ר.'ישע הויפּט־טהוער, וואָס זענען אַרויסגעפיהרט געוואָרען אין דעם ראָמאַן, — אַרויסגערופען אַן אמת'ן שטורם אין די רייהען פון דער

פאַרטיי, און עס איז, דוכט זיך, אַפילו דערגאַנגען צו אַ פאָר־מעלען פאַרטיי־משפט איבער׳ן פערפאַסער פון זיין ראָמאַן. דאָס האָט טאַקי דערוויטערט סאַווינקאָוו׳ן, פון זיינע פריהערדיגע חברים. נאָך מעהר האָט ער זיך אָבגעזונדערט פון זיי אין אָנפאַנג פון דעם קריג מיט זיין אולטראַ־פאַטריאָטישער שטימונג. נאָכ׳ן אויס־ברוך פון דער רעוואָלוציע האָט סאַווינקאָוו פערנומען אין קע־רענסקי׳ס רעגירונג דעם פאָסט פון אַ געהילף פון דעם מיליטער־מיניסטער. ער איז אַרומגעפאָהרען, ווי אַ קאָמיסאַר פון דער רע־גירונג, אין דער אַרמעע און האָט געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט׳ן שטאַב. ער האָט דער ערשטער אַרויסגעשטעלט די פאָדע־רונג, צוריק אָנצונעהמען די טויט-שטראָף אין דער אַרמעע, כדי צו בעקעמפען די דעמאָראַליזאַציע און אויפשטעלען די דיסציפ־לין. איבערהויפט האָט סאַווינקאָוו געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער פערשווערונג פון גענעראַל קאָרנילאָוו. די פאַרטיי סאָצ.-רעוו., וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט בעצויגען מיט גרויס פאַרדאַכט צו סאַווינקאָוו׳ס טעטיגקייט, האָט נאָך קאָרנילאָוו׳ס פער־שווערונג אַרויסגערופען איהם צו געבען דעם צענטראַל־קאָמיטעט אַן ערקלערונג וועגען זיין אויפפיהרונג. ווען ער האָט זין׳ אָב־געזאָגט, ניט אָנערקענענדיג די קאָמפעטענץ פון צ. ק. צו משפּט׳ן איהם, איז ער פאָרמעל אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פאַרטיי.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקעהרעניש איז סאַווינקאָוו אַריבער אויף אַן אומלעגאַלען צושטאַנד און האָט גענומען אָר־גאַניזירען אויפשטאַנדען און טעראָריסטישע אַקטען געגען דער סאָוויעטען־מאַכט. מעהר ווי אַ יאָהר האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין מאָסקווא ביי די שרעקליכסטע שטרענגקייטען פון דער „טשרע־זוויטשאַיקע״.

אָבפאָהרענדיג אין אָנפאַנג 1919 קיין אויסלאַנד, האָט זיך סאַווינקאָוו פערבונדען מיט דעניקין׳ען, און איז די לעצטע צייט בעשטימט געוואָרען פון איהם אַלס מיניסטער פון פּראָפּאַגאַנדע.

אין די פריהערדיגע יאָהרען בין איך געווען זעהר בע-פריינדעט מיט טשאַיקאָווסקי׳ן און סאַווינקאָוו׳ן (דעם לעצטען האָב איך אַפילו אַריינגעפיהרט אין דער פאַרטיי סאָצ.־רעוו.).

די פּאָזיציע וועלכע דיביידע פּאָליטישע טהוער האָבען אָנגענו-מען די לעצטע צייט, איבערהויפּט זייער נאָהענטקייט צו דעניקינ׳ען, האָט מיך שטאַרק דערוויטערט פון זיי. פונדעסטוועגען, ווען זיי זענען געקומען קיין וואַרשאַ, האָב איך ניט געקאָנט בייקומען דעם ווילען זיך צו זעהן מיט זיי, אויב ניט, ווי מיט אַמאָליגע חברים, טאָ ווי מיט פּערזענליכע פריינד, מיט וועלכע עס איז צוזאַמענגעבונדען איינער פון די וויכטיגסטע פּעריאָדען פון מיין לעבען.

איך בין אַוועק צו זיי אין האָטעל.

## ב

אין האָטעל האָב איך געטראָפען טשאַיקאָווסקי׳ן און סאַווינקאָוו׳ן צוזאַמען אין איין צימער. דאָרט האָט זיך נאָך געפונען אַ יונגערמאַן אין מיליטער-קליידער, וועלכען סאַווינקאָוו האָט אָנגערופען „פּאַלקאָווניק" און געגעבען אינסטרוקציעס וועגען בע-קומען אַ בילעט צום מאָרגענדיגען צוג.

אי טשאַיקאָווסקי אי סאַווינקאָוו האָבען זיך ווייניג געביטען פאַר די עטליכע יאָהר, וואָס איך האָב זיך מיט זיי נישט גע-זעהן. זיי ווייזען אויס אַפילו שטאַרקער און מונטערער ווי פריהער.

מיר האָבען זיך האַרציג בעגעגענט, פונאַנדערגעפרעגט איי-נער וועגען דעם אַנדערען און אַריבער צו פּאָליטישע פראַגען.

—אין די היגע צייטונגען איז געווען, אַז איהר זענט גע-קומען אַהער צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג וועגען אַ געמיינזאַמער אַקציע געגען די באָלשעוויקעס,— האָב איך אָנגעפאַנגען.

—קיין אָפיציעלע אונטערהאַנדלונגען פיהרען מיר נישט און קענען נישט פיהרען. מיר אינפאָרמירען זיך נאָר. געקומען זע-נען מיר אַהער, כדי דורכצוקלייבען זיך פון דאַנען קיין דרום-רוסלאַנד. איך פאָהר גלייך אָב אַהין דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און באָריס וויקטאָראָוויטש (סאַווינקאָוו) דאַרף נאָך פריהער אַריבער-

פֿיִהרען אויף אַ פּאָר טעג קיין פּאַריז—האָט געענטפֿערט טשאַי־קאָווסקי.

—פֿאָהרט איהר, הייסט עס, צו דעניקינ׳ען?

—ניין! מיט דעניקינ׳ען האָבען מיר שוין מיט אַ צייט צוריק איבערגעריסען אונזערע בעציהונגען. דערצו איז שוין איצט אויס דעניקין; ער איז לגמרי צעשלאָגען.

—פֿאַרוואָס זענט איהר זיך מיט איהם פֿונאַנדערגעגאַנגען?

—מיר זענען פֿריהער אויך נישט געווען איינשטימיג מיט זיין פּאָליטיק, נאָר מיר האָבען געהאָפֿט, אַז ער וועט זי אומ־בייטען. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אין גאַנצען אונטערגעפֿאַלען אונטער׳ן איינפֿלוס פֿון די רעאַקציאָנערע עלע־מענטען, וואָס רינגלען איהם אַרום. אי ער, אי קאָלטשאַק זענען צָרענטליכע לייט און דעמאָקראַטיש געשטימט, נאָר זיי האָבען נישט קיין ברייטען בליק און קיין שטאַרקען כאַראַקטער.

—אויב נישט צו דעניקינ׳ען, צו וועמען־זשע פֿאָהרט איהר? אויף וועלכע כחות רעכענט איהר?

—מיר פֿאָהרען צום רוסישען פֿאָלק. מיר רעכענען, אַז אין רוסלאַנד וועלען זיך געפֿינען גענוג געזונטע אַנטי־באָלשעוויסטי־שע כחות, פֿון וועלכע מען וועט קענען פֿאָרמירען אַ נייע אַרמעע, אויף נייע יסודות... יעדענפֿאַלס, מיט וואָס איז איצט די לאַגע ערגער ווי מיט צוויי יאָהר צוריק?

—אויף וועלכע נייע יסודות ווילט איהר אַוועקשטעלען אייער קאַמף מיט׳ן באָלשעוויזם? אין וואָס בעשטעהט אייער פּראָגראַם?

—אונזער פּראָגראַם איז געבליבען דער פֿריהערדיגער: אַ דעמאָקראַטישע רעפּובּליק, די ערד צום פּויער, שאַפֿען אַ מעסיג־סאָציאַליסטישע אָרדנונג. נאָר נישט דאָס איז דער הויפּט אין אונ־זער פּראָגראַם. מיר האָבען זיך איבערצייגט, אַז אי דעניקין און קאָלטשאַק, אי די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען האָבען נישט גובר געווען דעם באָלשעוויזם, ווייל זיי האָבען געלייגט זעהר ווייניג געוויכט אויף דעם נאַציאָנאַלען פּראָבּלעם. זיי האָבען געטראַכט וועגען אַ רוסלאַנד אין די פֿריהערדיגע גרעניצען, און מחמת דעם

האָבען זיי געקאָנט אַרויסשטעלען געגען די באָלשעוויקעס נאָר „גרויס-רוסען” און קאָזאַקען; די אַנדערע פעלקער, וואָס געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד, האָבען זיך דעריבער בעצויגען אינדיפערענט, אָדער פיינדליך צו זייער קאַמף, כאָטש זיי זענען געווען געגען די באָלשעוויקעס. מיר שטעלען זיך דעם ציל צו פעראייניגען אַלע נאַציאָנאַליטעטען אין דעם קאַמף... ווי אַזוי דאָס צו פערווירקליכען, וועט קלאָר ווערען אין גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטעהער פון די נאַציאָנאַליטעטען.

—ווי זענען די בעציהונגען צווישען אייך מיט די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען?

—מיר זענען גרייט צונויפצורייידען זיך מיט יעדער פון די פּאַרטייען; אָבער זיי האָבען דאָך איצט קיין שום ממשות נישט. אי די ס.-ר.'ען, אי די מענשעוויקעס זענען צעשלאָגען און האָבען נישט הינטער זיך קיין שום קרעפטען. דערצו נאָך זענען זיי אַזוי צעשפּאָלטען, אַז מען קאָן נישט ריידען וועגען זיי, ווי וועגען עטוואָס גאַנצעס. ביי די סאָצ.-רעוו. האָט איהר דריי ריכטונגען: לינקע, צענטער און רעכטע; דאָסזעלבע איז ביי די מענשעוויקעס. אויך ביי די קאַדעטען איז אַ פאָלקאָמענע צעפּאַלונג; דהיינו, אַסטראָוו און סטעפּאַנאָוו זענען געוואָרען אמת'ע שוואַרץ-מאה'ניקעס; מיט מיליוקאָוו'ן איז אונמעגליך צו ריידען. פערקעהרט, אַזעלכע, ווי ווינאַווער, זענען אַוועק לינקס און זענען גרייט צו געהן מיט אונז. מיט אונז זענען אויך מיאַקאָטין און פעשעכאָנאָוו.

—און קערענסקי?

—ער האָט זיך דערנעהנטערט צום צענטער פון די ס.-ר.'ען, צו טשערנאָווס פליגעל.

—רעכענט איהר נישט,—האָב איך ווייטער געפרעגט,— אַז דער גאַנצער מיליטערישער קאַמף מיט דער הילף פון דער אַנטאַנט געגען די באָלשעוויקעס ברענגט אַקוראַט פערקעהרטע רעזולטאַטען: אַנשטאָט אָבצושוואַכען, פערשטאַרקט ער זיי? ער שאַפט אַ געהויבענע, אָנגעשטרענגטע שטימונג און דערצו בע-

זאָרגט ער די באָלשעוויקעס מיט געוועהר און טענקס, וואָס זיי פערכאַפּען ביי קאָלטשאַק׳ן און דעניקינ׳ען; אפשר, ווען מען וואָלט אָבשטעלען דעם קאַמף, וואָלטען זיי אינערליך גיכער צעפאַלען, אָדער וואָלטען אָנגענומען אַ מעסיגערע פּאָליטיק?

—אַ טעות!—האָט זיך אָנגערופען סאַווינקאָוו,—אויב מיר וועלען אָבשטעלען דעם קאַמף געגען זיי, וועלען זיי נישט אָב-שטעלען דעם קאַמף געגען אונז און אַנדערע געגנער. נישט מלחמה-האַלטען קאָנען זיי נישט. זיי מוזען האַלטען אַנ׳אַרמעע און שרעקען די מאַסען מיט פיינד. ווען מען זיי לאָזען צורוה, וועלען זיי אַליין שאַפען פראָנטען, וועלען אויסטראַכטען אינער-ליכע אויפשטאַנדען און פערשווערונגען.

—רעכענט איהר נישט, אַז די אַנטאַנט פיהרט בנוגע רוס-לאַנד אַ צווייזייטיגע פּאָליטיק? אַז אין איהרע אינטערעסען איז צו האַלטען רוסלאַנד וואָס לענגער אין אַ צושטאַנד פון אַנאַר-כיע, ווייל אַנ׳אויפגעלעבט, שטאַרק רוסלאַנד וואָלט זיך געקאָנט פעראייניגען מיט דייטשלאַנד און שאַפען אַ געפאַהר פאַר דער קאָאַליציע?

—איך בין נאָהנט בעקאַנט מיט דער שטימונג פון די פּאָליטישע ספערען אין פראַנקרייך און ענגלאַנד—האָט סאַווינ-קאָוו געענטפערט,—און איך קאָן פערזיכערן, אַז אייער השערה איז נישט ריכטיג. די וואַקלענדיגע פּאָליטיק פון דער קאָאַליציע ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די גרויסע מלוכות זענען זעהר אָבגעשוואַכט פון דער מלחמה, וואָס אויף זייערע פלייצעס ליגען די פיל ניי-געשאַפענע קליינינקע מלוכות, וואָס זיי מוזען זיך רעכענען מיט דער שטימונג פון די אַרבייטער-מאַסען. די קאָאַ-ליציע וויל ערנסט אויפשטעלען אַ שטאַרק רוסלאַנד. ענגלאַנד האָט אויסגעבראַכט איבער צוואַנציג מיליאָן פונט שטערלינג אויפ׳ן קאַמף מיט׳ן באָלשעוויזם און איז גרייט אויף ווייטערן אָפּפער.

—ענדליך,—האָב איך געזאָגט,—וועל איך אָנריהרען די
פראַגע, וועלכע איז פאַר מיר די אָנגעוועהטאָגסטע. וואָס וועט
איהר זאָגען וועגען די פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד?

—וואָס קאָן מען וועגען דעם זאָגען—האָט זיך אָבגערופען טרוי-
עריג טשאַיקאָווסקי--קאָנען דען וועגען דעם זיין צוויי מיינונגען?
טראַגישער פון אַלץ איז אין די פּאָגראָמען דאָס, וואָס זיי זענען
אַ פאַטאַלע ערשיינונג, וועלכע מ'האָט געקאָנט פאָראויסזעהן. נאָר
עס איז אונמעגליך געווען אויסצומיידען זיי...

—רעכענט איהר נישט, אַז די גרעסטע טייל שולד פאַר
די פּאָגראָמען פאַלט אויף פּעטליוראַ'ן און דעניקינ'ען?

—וואָס איז שייך פּעטליוראַ'ן קאָן איך אייך נישט זאָגען,
נאָר וועגען דעניקינ'ען ווייס איך אויף זיכער, אַז ער איז גע-
גען פּאָגראָמען און האָט געקעמפּט מיט זיי. אָט איז אייך אַ
פאַקט: אין קיעוו האָט דראַגאָמיראָוו פער'משפּט פינף אָפיצירען
צום טויט פאַר פּאָגראָמען. אַ יודישע דעפּוטאַציע האָט זיך
משתדל געווען מען זאָל זיי פערלייכטערן די שטראָף. פערהאַן
נאָך אַנאַלאָגישע פאַקטען. איך האַלט, אַז דעניקין איז נישט
שולדיג אין די פּאָגראָמען.

—און איך רעכען, אַז יעדע רעגירונג איז פעראַנטוואָר-
טליך פאַר דעם וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד, וועלכעס גע-
פינט זיך אונטער איהר הערשאַפט, איבערהויפּט פאַר די מעשים
פון איהר מיליטער. ניקאָלאַי האָט אַליין קיין פּאָגראָמען נישט
געמאַכט, פונדעסטוועגען האָבען מיר די שולד פאַר זיי אַרויפ-
געוואָרפען אויף איהם. איהר זאָגט, אַז די פּאָגראָמען זענען אַ
פאַטאַלע ערשיינונג. פאַרוואָס-זשע קומען זיי נישט פאָר אונטער
דער הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס?

—איהר האָט אַ טעות! די באָלשעוויקעס מאַכען אויך פּאָ-

גראַמען. איך האָב אַליין געזעהן אַ באָלשעוויסטישע פראָקלאַמאַ-ציע, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „נידער מיט דעם זשידאָווסקען באַטקאַ דעניקינ׳ען! בעי זשידאָוו!״ איך קאָן אייך אָנרופען אַ רייה ערטער, וואו די באָלשעוויקעס האָבען געמאַכט בלוטיגע פּאָגראָמען. אין דער רויטער אַרמעע איז די שטימונג זעהר אַנ׳אַנטיסעמיטישע

—מען קאָן זאָגען וועגען די באָלשעוויקעס, וואָס מען וויל—האָב איך געענטפערט,—נאָר בעשולדיגען זיי אין פּאָגראָ-מען, האָבען מיר קיין רעכט נישט. עס קאָן זיין, אַז אין עט-ליכע שטעדטליך זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען פון דער רויטער אַרמעע, אָבער וואָס האָט דאָס פאַר אַ בעדייטונג אין פערגלייך מיט די שרעקליכסטע מאַסען-שחיטות, וועלכע עס זענען סיס-טעמאַטיש געמאַכט געווען דורך פעטליוראַס און דעניקינס פריי-וויליגע?...

אונזער געשפּרעך האָט זיך אויף דעם איבערגעריכען טשאַיקאָווסקינ׳ן און סאַווינקאָוו׳ן איז געווען בעשטימט אויף פיער אַ זייגער אַ בעזוך ביי איינעם פון די פּוילישע מיניסטאָרען און עס איז שוין געווען די צייט צו געהן.

מיר האָבען זיך פריינדליך געזעגענט. טשאַיקאָווסקי, מיט אַ פרעהליכער מינע, האָט מיר אַ זאָג געטהון:

—איך פאָהר! אָדער „פּאַן״, אָדער „פּראַפּאַל״. קיין אַנ-דער וועג איז פאַר מיר נישטאָ!

איך האָב זיך נישט בענוגענט מיט דעם געשפּרעך. אַזוי ווי איך האָב געדאַרפט זאָפאָהרען קיין אָטוואָצק און נישט גע-קאָנט מעהר זעהן זיך מיט מיינע אַמאָליגע חברים, האָב איך זיי אָנגעשריבען אַ בריף, אין וועלכען, לאָזענדיג אָן אַ זייט מיין פערזענליכען אויפטראָג צו זייער אונטערנעהמונג, האָב איך אַרויסגעזאָגט פאָלגענדעס:

אויב זיי רעכענען גרינדען זייער טעטיגקייט אויף דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעטען-רעכט און נאַציאָנאַליטעטען-מיט-אַרבייט, דאַרפען זיי געדענקען, אַז די יודען אין דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע שטעלען מיט זיך פאָר אַ נאַציע,

װעלכע איז נישט װעניגער און אפשר מעהר װי אַנדערע פּער-אינטערעסירט אין דעם גורל פון קומענדען רוסלאַנד. דערום, אויב זיי װעט זיך איינגעבען צו שאַפען אַ מאַכט, דאַרפען זיי:

1. אַרויסגעבען אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי אָנערקענען פאַר יודען, חוץ אַלע פּאָליטישע און מענשליכע רעכט, דאָס רעכט פאַר אַ נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

2. אָננעהמען די שטרענגסטע און ראַדיקאַלסטע מיטלען געגען פּאָגראָמען. דערשטיקען זיי ביים רעכטען אָנפאַנג און אַרויסגעבען אַ מעלדונג, אַז אַלע שולדיגע אין פּאָגראָמען, פריי-הערדיגע אין קומענדיגע, װעלען איבערגעגעבען װערען צום געריכט פון אַן׳אינטערנאַציאָנאַלען טריבונאַל (דאָס האָב איך אונטערגעשטריכען).

3. פאָרמירען ספּעציעלע אָבטיילונגען פון יודישע פרייװוי-ליגע, װעלכע זאָלען ביים פערנעהמען אַ װעלכען עס איז אָרט, די ערשטע אַריין אַהין, כדי מיט געװעהר אָבצוהיטען דאָס לעבען און גוטס פון די יודען פון אַן׳אָנפאַל.

אויף מיין בריף האָב איך דורך דעמזעלבען שליח בעקו-מען פון טשאַיקאָװסקי׳ן דעם פאָלגענדען ענטפער:

„טייערער ש. אַ.!

„מיר פאָהרען היינט אָב און צייט איז זעהר װעניג. אַלץ װאָס איהר שרייבט אין בריף איז מיר בעװאוסט און איך בין מיט אייך איינשטימיג, אַז אַלץ װאָס עס װערט געטהון געגען די יודישע פּאָגראָמען איז װעניג. נאָר צוגלייך מיט דעם װייס איך, אַז אַ פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע (זעהר אַ געקינצעלטער גע-דאַנק, אַ צוגעצויגענער פאַר די האָר) װעט אין דעם נישט העלפען. אויב ביי פּעטליוראַ׳ן איז די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע געװען איינגעפיהרט, פאַרװאָס-זשע זענען ביי איהם פונדעסטװעגען פאָרגעקומען פּאָגראָמען און ער אַליין, אויף װוי-פיל מיר איז בעװאוסט, האָט זיך נישט אויסגעהיילט פון אַנטי-סעמיטיזם? דער װיכטיגער און זיכערער מיטעל פאַר יודען צו זיין שטאַרק אין נאַציאָנאַלען זין איז—האָבען אַן׳אייגענע מלוכה און פערטיידיגען די אייגענע בירגער. און ביז דאָס װעט נישט

פֿעָרווירקליכֿט ווערען, וועלען די אומעטום צעזייטע יודען זיין דער שעיר לעזאזל ביי יעדען פאָלקס-אומגליק, פאַר וועלכֿען מען זוכֿט אַ שולדיגען. אַלערליי מיטלען צו בעוואָרענען און אָבּהיטען פון פּאָגראָמען קאָנען און דאַרפען אָנגענומען ווערען. נאָר דאָס אַלץ גאַראַנטירט אייך נישט פון אַ מעגליכֿקייט פון נאַציאָנאַלע ערשיטערונגען, וועלכֿע דריקען זיך אויס אין אַזעל-כֿע שרעקליכֿע ערשיינונגען ווי פּאָגראָמען, ווי באָלשעוויזם א. ד. ג. אַרויסזאָגענדיג די מיינונג, אַז די רעגירונג פון יעדען לאַנד איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם, וואָס ביי איהר קומט פאָר, טהוט איהר דאָסזעלבע, וואָס עס טהוט די פּאָלקסמאַסע, וואָס וואַרפט אַרויף אויף יודען די שולד פאַר דעם, אין וואָס זיי זענען נישט שולדיג, נישט מיט דער נשמה, נישט מיט'ן גוף (אַ רמז אויף דעם, אַז די באָלשעוויסטישע רעגירונג איז אַ יודישע.—ש. אַנ—סקי). עס איז נאָך וועניג צו געפינען דעם ש'לדיגען, מען דאַרף טהון אַלץ, כּדי עס זאָלען נישט זיין קיין ש'לדיגע. אין אַלגעמיין בין איך אינגאַנצען איינשטימיג מיט אייך און בין גרייט צו מאַכֿען אַלערליי דעקלאַראַציעס נאָר ערוב זיין פאַר זייער ווירדיגקייט קאָן איך אייך נישט.

„איך אומאַרם אייך, .

נ. וו. טשאַיקאָווסקי".

דער בריף האָט אויף מיר געמאַכֿט דעם שווערסטען איינ-דרוק. אין איהם איז קלאָר און דייטליך אַרויסגעזאָגט די אי-בערצייגונג פון איינעם פון די אָרענטליכֿסטע פאָרשטעהער פון דער רוסישער אַנטי-באָלשעוויסטישער אינטעליגענץ, אַז ביי דעם קאַמף פאַר אויפשטעלען אַ שטאַרק רוסלאַנד זענען יודישע פּאָ-גראָמען אונפערמיידליך. און אַז די קאַמף-אָנפיהרענדע אינטע-ליגענץ איז ביי אַ ברירה גרייט איינצושטימען אויף דעם...

1920 יאָהר.

# אינהאַלט

## פון

## עלפטען באַנד


| | |
|---|---|
| | זייט |
| הינטער אַ שטומער וואַנד | 5 |
| גאַפּאָן | *)23 |
| דער ערשטער נישט־געלונגענער באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד | 61 |
| קערענסקיס אָפּענסיווע | 71 |
| קאָרנילאָווס פערשווערונג. | 79 |
| מיין בעגעגעניש מיט קאַמעניעוו׳ן. | 87 |
| שתדלנות ביי די באָלשעוויקעס | 125 |
| ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי, און באָריס סאַווינקאָוו אין וואַרשא | 135 |